חג הפסח ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון צט

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

"לבינו ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א
באידיש
גליון מוגדל
לקראת חג הפסח

ליל הסדר א
שיר השירים י
שביעי של פסח יב

## ליל הסדר

### וכל המרבה לספר הרי זה משובח;
זיך צוגרייטן 'נפש' צום סדר נאַכט

יום שלישי פרשת מצורע ח' ניסן תשפ"ד

א

## וידעתם כי אני ה'; סיפּור יציאת מצרים שיינט אַריין ביי אונז די אמונה אויפ'ן גאַנצן יאָר

### דורך סיפּור יציאת מצרים באַקומט מען זעלבסט אמונה

ווען מען גרייט זיך צו מקיים זיין די מצות עשה דאורייתא פון סיפּור יציאת מצרים, ווייסן מיר דאָך וואָס עס שטייט אין אַלע **ספרים הק'** אַז די מצוה איז אַ געוואַלדיגע כלי וואָס טוט אַריינשיינען אמונה ביי אונז אין האַרץ, ווי הרה"ק רבי **ישכר דוב מבעלזא** זי"ע האָט געטייטשט דעם פּסוק (שמות י, ב): **וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ וגו', וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'**, אַז דער אויספיר פון דעם פּסוק 'וידעתם כי אני השם' גייט אַרויף אויפ'ן מְסַפֵּר אַליין! **ווען דו ביסט עוסק אין דערציילן סיפּור יציאת מצרים וועט עס האָבן אַ געוואַלדיגע השפּעה אויף דיר**, אַז דו זאָלסט אָנקומען צו אַ טיפערע דעת, צו אַ שטאַרקע הבנה און געפיל אין דעם 'כי אני השם'.

אין דער הייליגער נאַכט פון פּסח זענען מיר עוסק אין דעם 'וידעתם כי אני ה'', און **דאָס שיינט אונז אַריין אויף אַגאַנץ יאָר**. ווייל אַ מענטש דאַרף דאָך האָבן חיזוק אויף אמונה ובטחון אַגאַנץ לעבן. **די אמונה דאַרף ביי אים ווערן שטאַרקער, טיפער און קלאָרער און ס'דאַרף אונז איינגאַנצן איבערנעמען.** דעריבער האָט דער רבוש"ע אונז געגעבן אַ מורא'דיגן זמן און אַזאַ הייליגע מצוה, **וואָס האָט אין זיך דעם געוואַלדיגן כח**, אריינצולייכטן אין די נשמות, און צו לעכטיג מאַכן אין אַלע פּלעצער פון דעם נפש וואו ס'איז נאָך חושך. ס'איז בכלל נישט דאָ קיין גבול **ווי טיף און ווי שטאַרק די מצוה ברענגט אַריין אַ געוואַלדיגע קלאָרקייט ביי אונז**, צו אמת'דיג דערהערן דעם 'וידעתם כי אני השם'.

### די הייליגע דיבורים לייגט אַריין די אמונה אין אונזער פּנימיות

דער **שם משמואל** אויף דער הגדה זאָגט אַ שיינעם חשבון: אין **זוהר הק'** שטייט אַז מצה איז אַ 'מיכלא דמהימנותא', דאָס הייסט אַז ווען אַ איד עסט די מצה גייט אַריין אמונה אין אים, ער ווערט אַ מאמין. און **חז"ל** זאָגן דאָך (פּסחים קטו, ב), אַז מצה ווערט אָנגערופן 'לחם עוני' ווייל ס'איז 'לחם שעונים עליו דברים הרבה'.

קומט אויס אַז פאַרוואָס איז די מצה אַזוי הייליג?! פון וואו האָט די מצה דעם כח אַז ס'זאָל קענען אַריינשיינען אַזויפיל אמונה ווען מען עסט דאָס?! ווייל ס'איז 'עונים עליו דברים הרבה'! ווייל **ס'איז איינגעזאַפּט געוואָרן פון די אַלע דיבורי אמונה וואָס מ'האָט געזאָגט בשעת די מצה איז געליגן אויפ'ן טיש.**

לויט דעם, זאָגט דער שם משמואל, איז דאך זיכער אַז די דיבורים אַליין, **די ווערטער פון סיפּור יציאת מצרים, האָבן זיכער דעם גרויסן כח צו אַריינברענגען אַ ליכטיגקייט פון אמונה אין אַ איד.** ווייל אויב די מצה ווערט אָנגערופן 'מיכלא דמהימנותא' - אַ מאכל פון אמונה, בלויז ווייל מ'האָט גערעדט דערויף די הייליגע דיבורים, **איז דאָך כל שכן אַז די דיבורים אַליין ברענגט זיכער אַ געוואַלדיגע כח פון אמונה** וואָס גייט אַריין אין דעם מענטש.

### דאַנקן השי"ת נעמט אַרויס פון דעם טמטום הלב

אויף אַן אַנדערע פּלאַץ זאָגט דער **שם משמואל** (בא תרע"ה) אַז ווען אידישע קינדער זענען געווען אין מצרים, זענען זיי געווען אין די מ"ט שערי טומאה, און **טומאה איז מלשון טמטום**, דאָס מיינט אַז **זייערע הערצער זענען געווען פאַרשטאָפּט** און זיי האָבן נישט געשפּירט קיין שום הרגש פון חיות אלוקות.

דאָס איז דער טעם פאַרוואָס ביים קרבן פּסח האָט מען מתקן געווען אַז מ'זאָל זאָגן הלל **סיי ערב פּסח נאָכמיטאָג** ווען מ'איז מקריב דעם קרבן, און **סיי פּסח ביינאַכט** ווען מען עסט דעם קרבן. ווייל, **די גאַנצע מהות און די גאַנצע צורה פון דעם קרבן פּסח איז צו דאַנקן דעם רבוש"ע!** דער קרבן פּסח ווערט אַזוי אָנגערופן ווייל ס'איז נוטריקון 'פּה סח', דאָס מיינט אַז ס'איז **אַ קרבן וואָס מ'איז דערביי עוסק אין רעדן פון די נסים ונפלאות** וואָס דער רבוש"ע האָט געטון מיט אונז. די גאַנצע מהות פון דעם קרבן איז געווידמעט בלויז אויף דעם.

דער צווייטער שטיקל פון דעם שם משמואל איז אַ שטיקל השלמה צו דעם פריערדיגן שטיקל, אַז פּונקט אַזוי ווי די מאכל פון מצה גייט געקניפּט און געבינדן צוזאַמען מיט די דיבורים פון סיפּור יציאת מצרים, 'שעונים עליו דברים הרבה', מ'לויבט און מ'דאנקט דעם רבוש"ע און נאָכדעם עסט מען די מצה. די זעלבע זאַך איז מיט דעם קרבן פּסח: די **גאַנצע מהות דערפון איז אַריינצוברענגען אַ הודאה אין אַלע חושים**, אַז דער מענטש זאל דאַנקן דעם אויבערשטן.

### וויאַזוי האָבן אידן געקענט דאַנקן?!

דער שם משמואל ברענגט ווייטער וואָס דער **ירושלמי** זאָגט (סוכה פ"ג ה"א) אַז דער טעם פאַרוואָס אַ

'לולב היבש' איז פסול, איז ווייל ס'שטייט לא המתים יהללו קה. און היות די ארבע מינים איז געמאַכט צו דאַנקן דעם אויבערשטן, ווי עס שטייט 'ושמחתם לפני ה' אלקיכם', דעריבער איז אַ 'לולב היבש פסול', ווייל **מיט אַ טויטע זאַך קען מען נישט דאַנקן.**

לויט דעם, פרעגט דער שם משמואל: וויאַזוי האָבן אידישע קינדער אין מצרים געקענט מקריב זיין דעם קרבן פסח?! **זיי זענען דאָך געווען 'אטומי לב בלי רגש חיות', און אויב אַזוי איז דאָ אַ פּראָבלעם פון 'לא המתים יהללו קה'?!** ווען משה רבינו איז זיי געקומען זאָגן אַז מ'דאַרף ברענגען אַ קרבן פסח איז דאך געווען אַ פסול, זיי האָבן אויסגעקוקט פונקט ווי אַ לולב היבש?!

## אַז מ'דערווייטערט זיך פון שלעכטס באַקומט מען חיות

זאָגט דער שם משמואל, אַז דערפאַר האָט זיי משה רבינו באַפוילן 'משכו ידיכם מעבודה זרה' - דאָס מיינט אַז זיי זאָלן אַוועקגיין פון די אַלע טומאות וואָס ברענגט זיי אַ טמטום הלב, און אַזוי וועלן זיי קענען דאַנקן דעם אויבערשטן מיט אַ חיות. **ווען אידן וועלן זיך דערווייטערן פון עבודה זרה וועט דאָס זיי ברענגען אַ געשמאקע געפיל פון שמחה,** און דעמאָלט וועלן זיי קענען דאַנקן אויף אַ ריכטיגן אופן.

דער שם משמואל שמועסט אויס באריכות, אַז דאָס אַרבעט מיט'ן כלל פון 'הבא לטהר מסייעין אותו'; **אויב אַ איד פּרובירט צו אַנטלויפן פון נישט גוטע זאַכן, וועט אים דער אויבערשטער שוין העלפן** און אים אַריינברענגען אַ חיות דקדושה מיט אַ רגש של שמחה צו דינען דעם רבוש"ע.

## אַ נאַכט פון 'הלל והודאה'

אַלענפאַלס, אויף למעשה זעען מיר אַז **די גאַנצע מהות פון דעם ליל הסדר איז 'הלל והודאה'.** מ'זאָגט דיבורים פון אמונה און הלל והודאה און נאָכדעם נעמט מען דאָס אַריין אינעווייניג אין זיך. מ'זאָגט דאָס אויף די מצה און דערנאָך עסט מען די מצה; מ'זאָגט דאָס אויף די כוסות און דערנאָך לייגט מען עס אַריין אין זיך; מ'זאָגט עס אויף דעם קרבן פסח און מ'נעמט אַריין דעם קרבן פסח. **דורך די אַלע אכילות של מצוה נעמט מען אַריין אין זיך די אַלע דיבורים פון אמונה און הלל והודאה.**

דער סדר נאַכט **הייבט זיך אָן** מיט הלל והודאה, **אינמיטן** איז הלל והודאה, און **עס ענדיגט זיך** מיט הלל הגדול און מיט נשמת. דאָס זענען אַלע דיבורים ביים סדר, און **דאָס איז די עבודה פון דער גאַנצער נאַכט.**

## דורך שבח והודאה גייט אַריין אלוקות אין האַרץ

און ווען דער מענטש זאָגט די הייליגע דיבורים פון הלל והודאה מיט אַ חיות, ער איז מכיר דאָס גוטס וואָס השי"ת טוט אים, איז **ער טאַקע זוכה אַז ס'גייט אַריין אלוקות אין זיין האַרץ.** ווי עס שטייט **פון צדיקים** אויפ'ן פסוק (דברים י, כא): **הוּא תְהִלָּתְךָ וְהוּא אֱלֹקֶיךָ** - אַז לויט וויפיל אַ איד דאַנקט, אַזויפיל איז דער רבוש"ע זיין גאָט. **ווען אַ איד איז עוסק בשבח והודאה גייט אַריין מער אויבערשטער אין זיין האַרץ.**

דאָס אַרבעט אויך פאַרקערט, ווי דער גרויסער **מגיד פון מעזריטש** זי"ע האָט געטייטשט: **הַוַּדַּאי שְׁמוֹ כֵּן תְּהִלָּתוֹ** - וויפיל ס'איז קלאָרער פאַר'ן מענטש די אחדות ה', **אַזויפיל מער דאַנקט ער!** עס גייט אויף ביידע וועגן: וויפיל מען דאַנקט, **אַזויפיל איז מען מכיר דעם אויבערשטן**, און וויפיל מען איז מכיר דעם אויבערשטן **אַזויפיל קען מען מער דאַנקן.**

## הרי זה משובח; מ'ווערט אַ משובח'דיגער מענטש

אַ איד דאַרף דאָך אַלעמאָל האָבן חיזוק צו באַקומען מער קלאָרקייט אין אַלע ענינים פון אמונה און בטחון. דערפאַר האָבן מיר באַקומען אָט די הייליגע נאַכט, וואָס **אויב אַ איד איז דעמאָלט עוסק אין הלל והודאה ווי ס'דאַרף צו זיין, דרייט עס ממש איבער דעם מענטש,** און ס'לאָזט אויף אים איבער אַ טיפן רושם אויף אַלע מצבים במשך אַגאַנץ יאָר.

צדיקים האָבן געטייטשט: **'כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח'.** מרבה איז טייטש 'באיכות'. אויב אַ מענטש ברענגט עס אַרויס פעסט, די אמונה קומט אַרויס פון די טיפע חלקים פון זיין נפש, דעמאָלט איז 'הרי זה משובח', **ווערט דער מענטש אַ משובח'דיגער!** ער ווערט מער איידל, די אמונה קריכט אַריין שטאַרקער און טיפער, און ער ווערט אַליין משובח!

## אותיות מחכימות

שם משמואל בא תרע"ה

מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם צֹאן לְמִשְׁפְּחֹתֵיכֶם וְשַׁחֲטוּ הַפָּסַח, וּבַמִּדְרָשׁ מִשְׁכוּ יְדֵיכֶם מע"ז וּקְחוּ לָכֶם צֹאן שֶׁל מִצְוָה, וְיֵשׁ לְהִתְבּוֹנֵן שֶׁהֲרֵי בְּמַאֲמַר ה' לְמֹשֶׁה לֹא נֶאֱמַר לְשׁוֹן מִשְׁכוּ וְלָמָּה הוֹסִיף מֹשֶׁה לָשׁוֹן זֶה.

וְנִרְאֶה דְּהִנֵּה יָדוּעַ שֶׁיִּשְׂרָאֵל בְּמִצְרַיִם הָיוּ בְּמ"ט שַׁעֲרֵי טֻמְאָה, וּכְבָר אָמַרְנוּ שֶׁטֻּמְאָה הִיא לְשׁוֹן טִמְטוּם, הַיְנוּ שֶׁהָיוּ הַלְּבָבוֹת אֲטוּמִים בְּלִי שׁוּם הֶרְגֵּשׁ חַיּוּת אֱלֹקִי, וְהִנֵּה אִיתָא בִּסְפָרִים שֶׁפֶּסַח נוֹטָרִיקוֹן פֶּה סָח, וְיֵשׁ לוֹמַר דְּהַיְנוּ טַעְמָא דְּטָעוּן הַלֵּל בַּעֲשִׂיָּתוֹ וַאֲכִילָתוֹ, שֶׁכָּל צוּרַת וּמַהוּת הַקָּרְבָּן הוּא הַלֵּל וְהוֹדָאָה לְהשי"ת אֲשֶׁר פָּסַח עַל בָּתֵּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּמִצְרַיִם וְאֶת בָּתֵּינוּ הִצִּיל, וְזֶה פֶּה סָח נִסִּים וְנִפְלָאוֹת שֶׁעָשָׂה עִמָּנוּ.

וְהִנֵּה בִּירוּשַׁלְמִי לוּלָב הַיָּבֵשׁ פָּסוּל מִשּׁוּם שֶׁנֶּאֱמַר לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ וְגוֹ', וְעַ"כ יִשְׂרָאֵל שֶׁהָיוּ אָז אֲטוּמֵי לֵב בְּלִי רֶגֶשׁ חַיּוּת אֵיךְ אֶפְשָׁר לָגֶשֶׁת לַעֲשׂוֹת פֶּסַח וְאִית בְּהוּ מִשּׁוּם לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ, לָזֶה הָיְתָה עֲצַת מֹשֶׁה וְאָמַר לָהֶם מִשְׁכוּ יְדֵיכֶם מע"ז, וְהַיְנוּ דְּהִנֵּה בַּמִּדְרָשׁ תַּמָּן תָּנֵינַן בַּכֹּל מִתְרַפְּאִין חוּץ מע"ז ג"ע וש"ד, וְנָתַן טַעַם לָזֶה מִפְּנֵי שֶׁע"ז הוּא חֵרֶם, וג"ע נַמִּי כְּתִיב כִּי רַבִּים חֲלָלִים הִפִּילָה, וּכְתִיב רַגְלֶי' יוֹרְדוֹת מָוֶת, וש"ד כְּתִיב שֹׁפֵךְ דַּם הָאָדָם דָּמוֹ יִשָּׁפֵךְ, הֵיאַךְ יְכוֹלִין אֵלּוּ לִתֵּן חַיִּים לְחוֹלֶה, וּלְפִי"ז יֵשׁ לוֹמַר דְּהַבּוֹרֵחַ מִכָּל אֵלּוּ בָּא לְעֻמָּתוֹ לְחַיּוּת דִּקְדֻשָּׁה וּבְיוֹתֵר מע"ז שֶׁהוּא חֵרֶם שֶׁמַּכְנִיס מְאֵרָה בְּכָל רְמַ"ח אֵבָרָיו גַּם' חֵרֶם, בָּא לְעֻמָּתוֹ לִמְקוֹר הַחַיִּים בְּכָל רמ"ח אֵבָרָיו, וְאָז אֶפְשָׁר לְקַיֵּם כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה וְגוֹ', זֶה הָיְתָה עֲצַת מֹשֶׁה מִשְׁכוּ יְדֵיכֶם מע"ז הַיְנוּ לִהְיוֹת בְּתַכְלִית הָרִחוּק מע"ז, וְאָז יָבוֹא בָּהֶם חַיּוּת לָגֶשֶׁת בְּרֶגֶשׁ הַנֶּפֶשׁ וּבְשִׂמְחָה לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח וּלְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל:

וַעֲצַת משרע"ה מֵאָז הִיא מִדָּה הַמְהַלֶּכֶת בְּכָל הַדּוֹרוֹת בְּכָל זְמַן כְּשֶׁהָאָדָם מַרְגִּישׁ בְּעַצְמוֹ הֶעְדֵּר חַיּוּת דִּקְדֻשָּׁה יִתְכַּוֵּן לִבְרֹחַ מֵהַדָּבָר שֶׁכְּנֶגֶד, וְזֶה אֵינֶנּוּ כ"כ קָשֶׁה שֶׁהַבְּחִירָה חָפְשִׁית בְּיַד כָּל אָדָם, מַה גַּם לִבְרֹחַ וְלִהְיוֹת שֵׁב וְאַל תַּעֲשֶׂה זֶה בְּוַדַּאי אֵינֶנּוּ כ"כ קָשֶׁה, זוּלַת לְהָרְשָׁעִים גְּמוּרִים שֶׁהֵם בִּרְשׁוּת לִבָּם, אֲבָל כְּלַל יִשְׂרָאֵל, מַה גַּם אִישׁ הַבָּא לִטָּהֵר שֶׁיֵּשׁ לוֹ סִיּוּעַ מִן הַשָּׁמַיִם כְּאָמְרָם ז"ל הַבָּא לְטַהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ, בְּוַדַּאי נָקֵל לוֹ לִבְרֹחַ בְּלִי שׁוּם טְעָנוֹת רַק בִּרְצוֹן פָּשׁוּט לוֹמַר אִי אֶפְשִׁי בְּלִי שׁוּם טְעָמִים וּבְלִי הִתְחַכְּמוּת, וְאָז מִמֵּילָא יָבוֹא רוּחַ חַיִּים בְּקִרְבּוֹ וְיֵהָפֵךְ לְאִישׁ אַחֵר בְּרֶגֶשׁ הַנֶּפֶשׁ וּבְשִׂמְחָה, וְכַנִּרְאֶה שֶׁזֶּהוּ שֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה לִפְנֵי שַׁבָּת, שֶׁאִלְמָלֵא מְצִיאַת שֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לִקְדֻשַּׁת הַשַּׁבָּת אֶלָּא מֵחֲמַת שֶׁנִּמְצָא טִרְדַּת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה וְיִשְׂרָאֵל בּוֹרְחִין מִמֶּנּוּ בִּשְׁבִיל זֶה עַצְמוֹ בָּאִין לְעֻמָּתוֹ לִקְדֻשַּׁת שַׁבָּת וּכְבָר דִּבַּרְנוּ בָּזֶה.

ב

# ונאמר לפניו שירה חדשה; דורך משפּיע זיין ביים 'סדר נאַכט' באַקומט מען אַליין אַ לעכטיגקייט אין אמונה

## פּסח בייננאַכט דאַרף מען זיין אַ משפּיע

ס'איז ידוע די שאלה וואָס די מפרשים פרעגן, אַז **לכאורה האָבן מיר דאך יעדן טאָג אַ מצוה צו געדענקן יציאת מצרים.** מען דערמאָנט עס יעדן טאָג ביי קריאת שמע, און מען לייגט תפילין זכר ליציאת מצרים, אויב אַזוי וואָס איז די חילוק צווישן דעם **'זכר ליציאת מצרים' פון אַגאַנץ יאָר** און דער **'סיפּור יציאת מצרים' פון פּסח בייננאַכט?!**

איינס פון די תירוצים וואָס שטייט אין ספרים איז, פּסח בייננאַכט דאַרף עס דוקא אויף אַן אופן פון 'שאלה ותשובה'. די סיפּור יציאת מצרים פון דעם ליל הסדר דאַרף זיין אויף אַ צורה פון אַ 'משפּיע' און אַ 'מקבל'.

## ביים 'ליל הסדר' ווערט אונזער נשמה באַנייט

די סיבה דערצו, פאַרוואָס ס'דאַרף זיין דוקא אויף אַזאַ אופן, איז ווייל **פסח ביינאַכט בויעט זיך די נשמה פונדאָסניי**. אינעווייניג אין יעדע איינציגע נשמה פון יעדן איד ווערט נולד אַ נייע חיות, פונקט אַזויווי ביי די ביימער איז דאָ אַ סעזאָן ווען ס'גייט דאָרט אַריין נייע חיות און ס'הייבט אָן וואַקסן בלומען און פירות, דאָס זעלבע איז דאָ זמנים אינעם יאָר, און בעיקר אין דער ליכטיגער סדר נאַכט, ווען **ס'איז אַ תחלת הבריאה פאַר יעדע נשמה**. מען באַקומט אַ נייע חיות דקדושה.

אַזוי זאָגן דאך חז"ל: **בניסן נברא העולם**. אין דעם חודש ווערט נולד ביי יעדן איד אַ נייע רוחניות'דיגע חיות! די פנימיות'דיגע וועלט ווערט איבערגעפלאַנצט אין חודש ניסן. מ'קען עס אפילו זען במציאות, די ביימער שטייען אויך ווינטער אָבער זיי האָבן נישט קיין חיות, און **ווען ס'קומט די תקופה פון ניסן הייבן זיי אָן צו בליען**. די חיות פון אינעווייניג ווערט נתרבה אַזוי שטאַרק אַז מ'קען עס שוין אפילו באַמערקן פון אינדרויסן, ס'הייבט אן צו אַרויסקומען בלעטלעך מיט פירות און ס'הייבט אָן צו וואַקסן.

עס שטייט פון צדיקים אַז ביי אַלע אַנדערע חדשים איז ראש חודש די עיקר פינטל און חיות פון דעם חודש, און נאָכדעם ווערט עס ווייניגער און ווייניגער. אָבער **ראש חודש ניסן איז די עיקר נקודה פון דעם חודש אין דער נאכט פון ליל ט"ו, פונקט אינמיטן דעם חודש**. דעמאָלט איז די מקור החיות פון דעם גאַנצן חודש, וואָס גייט אַריין אין דער נשמה.

## אויסנוצן די נאַכט מיט'ן זיך קאָכן אין די חסדי ה'

אויב אַזוי, **וואָס איז די בעסטע זאַך פאר אַ מענטש צו טון אין די עטליכע שעות פון דער ליכטיגער נאַכט?!** וואָס קענען מיר טון בשעת מעשה, ווען ס'קומט אַריין אין אונזער נשמה אַ נייע חיות, וואָס גייט אונז ברענגען אַן השפעה אויפ'ן גאַנצן יאָר?!

דערפאַר האָט דער רבוש"ע, ברוב רחמיו וחסדיו, אונז געגעבן די עצה: איך וועל דיך זאָגן פונקטליך וואָס דו זאָלסט טון אין דער נאַכט: **קאָך זיך אַריין מיט אמונה אין דעם רבוש"ע!** און די בעסטע וועג זיך צו קאָכן אין אמונה איז, **דורכדעם וואָס מ'ברענגט אַרויס די חסדי ה' וואָס מ'האָט אַליין געזען**, מען דאַנקט און מען לויבט מיט געוואַלדיגע הרגשים. דאָס ברענגט אַריין אמונה אין האַרץ. ווייל די נענטסטע זאַך צום מענטש **זענען די זאַכן וואָס ער איז אַליין דורכגעגאַנגען**, נסים וואָס ער האָט אַליין געהאַט.

דער אויבערשטער זאָגט אונז: **זיי פאַרנומען במשך דעם סדר נאַכט מיט שבח והודאה.** אַזוי וועסטו באַקומען די ליכטיגקייט פון אמונה אויפ'ן גאַנצן יאָר.

## פסח ביינאַכט דערהערט מען די יסודות האמונה

מ'דאַרף טאַקע זייער אַכטונג געבן צו געדענקן אָט דעם עיקר דורכאויס די הייליגע נאַכט. אַ מענטש טרעפט זיך ביים 'סדר נאַכט' מיט אַזויפיל פרטים; דאָ איז מען מקיים די ד' כוסות; דאָ איז מען מקיים מצות אכילת מצה; דאָ דאַרף מען נזהר זיין אַז זאַכן זאָלן נישט ווערן געבראָקטס; און אינצווישן דאַרף מען זיך אויך אָפּגעבן מיט די מסובים וואָס זיצן ביים סדר. אָבער די אַלע זאַכן זענען כלים, **וויאַזוי אונזער נשמה זאָל דערהערן די אמונה אַז דער רבוש"ע פירט די וועלט**; די אמונה אַז דער רבוש"ע איז טוב ומטיב; און די אמונה אין דער אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט צו אונז.

פסח ביינאַכט דערהערט מען **די זיבן באַקאַנטע יסודות וואָס דער חובת הלבבות שטעלט אַראָפּ אין דעם צווייטן פרק פון 'שער הבטחון'**, וואָס דאָס ברענגט אַז דער נפש זאָל זיך בוטח זיין אויף השי"ת. מען פאַרשטייט אַז (1) דער רבוש"ע איז דער **מקור הרחמים**. (2) ער איז משגיח און **ער איז זיך נישט מתעלם** פון מיר. (3) ער קען **אַלעס אויספירן**. (4) ער ווייסט דאָס בעסטע **וואָס ס'איז גוט פאר מיר**. (5) ער באַגלייט מיר שוין, **פון ווען איך בין געבוירן**. (6) איך בין אָנגעוויזן בלויז אויף אים און **ס'איז נישטאָ קיינער וואָס קען מיר העלפן אָדער שטערן**. (7) זיין חסד **ענדיגט זיך קיינמאָל נישט**, אפילו אויב דער מענטש איז נישט ראוי.

מיט אָט די זיבן יסודות **זאָלסטו זיין פאַרנומען במשך די נאַכט**, און טאַקע מיט דיבור און מיט עשייה, בשעת מ'איז מקיים די מצוות הלילה, מיט מחשבה און מיט רגש. ווייל **יציאת מצרים איז דער מקור פון אַלע נסים וואָס דער אויבערשטער האָט געטון מיט אונז**. פסח ביינאַכט ברענגט אַ איד אַריין אין זיך דעם הרגשה פון 'כאילו הוא יצא ממצרים'. ס'איז נישט קיין אַמאָליגע זאַך, **נאָר ער שפירט אַז ער איז דאָס אַליין אַריבערגעאַנגען**. ער דערציילט וויאַזוי דער אויבערשטער האָט אים אַליין געהאָלפן, און ער שפירט דאָס מיט אַ געוואַלדיגן רגש.

## משפיע זיין פאַר אַנדערע, פאָדערט מער חלקי הנפש

דאָס איז דער חילוק פון 'זכר ליציאת מצרים' אַגאַנץ יאָר, און 'סיפור יציאת מצרים' פסח ביינאַכט: אַגאַנץ יאָר ווען מען מאַכט אַ 'זכר ליציאת מצרים' איז דאָס נאָך אַביסל בהעלם, אָבער ווען מ'דאַרף דאָס דערציילן מיט'ן מויל און מ'דאַרף עס משפיע זיין פאַר אַנדערע, איז **דאָס מחייב אַז מ'זאָל נוצן שטאַרקערע חושים און שטאַרקערע חלקי הנפש** כדי צו אַריינגיין אין דעם ענין פון 'זכירת יציאת מצרים'.

אַגאַנץ יאָר קען די מצוה פון געדענקן יציאת מצרים געטון ווערן מיט ווייניגער פנימיות, ווייל **דער מענטש דארף דאָס נישט פאַרציילן פאר אַ צווייטן**. ער דאַרף עס נישט טון אויף אַ צורה פון אַ 'משפיע'.

אָבער פסח ביינאַכט האָט אים די תורה מחייב געווען אַז **ער זאָל דאָס אַרויסרעדן און אַז ער זאָל עס אַרויסברענגען אויף אַ צורה פון אַ 'משפיע' און אַ 'מקבל'**. ער דאַרף עס אַרויסזאָגן 'בדיבור', און נישט סתם דיבור, נאר **אַזאַ סאָרט דיבור צו קענען משכנע זיין דעם מקבל**. צום 'חכם' דאַרפסטו רעדן איין וועג, צום 'תם' דאַרפסטו רעדן אַנדערש, און צום 'שאינו יודע לשאול' אַ דריטע וועג. ווען מ'דאַרף דערמאַנען יציאת מצרים אויף אַזאַ אופן, איז דאָס מחייב אַז דער מענטש זאל דאַרפן אַרויסגעבן אַסאַך טיפערע חלקי הנפש.

## אַז מ'לערנט פאָר אַ בלאַט גמרא קען מען דאָס בעסער

מען קען דאָס זען בחוש, אַז ווען אַ מענטש לערנט אַ בלאַט גמרא פאַר זיך, פאַרשטייט ער דעם בלאַט אויף וויפיל ער פאַרשטייט עס. אָבער אויב דאַרף ער דאָס אויסלערנען פאר אַ צווייטן, פאַרשטייט ער דאָס אַסאַך בעסער. ערשטנס, **ווייל ער האָט זיך ווייניגער געקענט פאָפּן**. צווייטנס, ווייל **ער האָט דאָס געדאַרפט אַרויסנעמען פון זיך און עס אַרויסזאָגן**. דריטנס, **ווייל ער האָט געדאַרפט טראַכטן וויאַזוי מ'איז דאָס מסביר**. ווען יענער האָט זיך נישט געלאָזט און יענער האָט געזאָגט: "איך כאַפּ נישט", **האָט ער געמוזט טראַכטן טיפער וויאַזוי מ'איז דאָס מסביר**, און דאָס ברענגט אַרויס אַ טיפערע הבנה.

און דאָס איז נישט נאר אין מח, נאר אויך אין די חושים. ווען מ'לערנט פאָר, פאַר אַ צווייטן, און מ'וויל אַז יענער זאל פאַרשטיין, נוצט מען די אייגענע הרגשים צו אַריינטראַכטן **אין וועלכע מצב יענער געפינט זיך און לויט דעם איז מען אים מסביר**. דאָס איז דער עומק פון דעם וואָס חז"ל זאָגן (תענית ז, א): 'ומתלמידי יותר מכולם', ווייל **ווען מ'לערנט מיט אַנדערע אידן איז דאָס מעורר זייער טיפע חלקי הנפש**, כדי אַז מ'זאָל עס טאַקע קענען אַריינשיינען אַז ס'זאָל נקלט ווערן ביי יענעם. אויב מ'לערנט מיט אַ חברותא און יענער חלומ'ט אַרום וועט עס טאַקע נישט פאַסירן, אָבער **אויב יענער 'פרעגט' און וויל פאַרשטיין, דעמאָלט איז דאָס מעורר זייער טיפע חלקי הנפש** ביים מענטש וואָס ענטפערט.

## די אהבת ה' וואָס מען דערציילט ביי סיפור יציאת מצרים

דערפאַר האָט דער רבוש"ע אונז געגעבן אַ מצוות עשה דאורייתא, אַז מ'זאָל עוסק זיין צו דערציילן די אמונה פון דעם רבוש"ע; **מ'זאָל רעדן וועגן די אהבה פון דעם אויבערשטן צו זיינע קינדערלעך**, אַז ער האָט אונז אויסגעקליבן, לקחת לו גוי מקרב גוי. ער האָט זיך באַוויזן צו אונז אין דער נאַכט, עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים, וואָס דאָס איז די בעסטע טוב וואָס אַ מענטש קען האָבן, אַז דער אויבערשטער באַווייזט זיך צו אים. דעמאָלט ביי יציאת מצרים, איז נתגלה געוואָרן די **שטאַרקסטע אהבה וואָס אַ מענטש קען זען זייענדיג דאָ אויף דער וועלט**. אין דעם גרעסטן העלמה האָט מען געזען דעם רבוש"ע!

ביים סדר נאַכט רעדט מען נישט בלויז פון יציאת מצרים. נאר מען דאַנקט אויף די חסדים וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אונז כסדר. **מען זאָגט 'נשמת' נישט בלויז צוליב די שורה פון 'ממצרים גאלתנו'**, נאר מ'זאָגט אויך: 'ומחלאים רעים רבים ונאמנים דליתנו'. דאָס זענען נישט צוגעלייגטע ווערטער אונטן פון די הגדה, נאר ס'איז מיט גרויסע אותיות אויבן מיט די נקודות... מען דערציילט 'צעקת הדל תקשיב ותושיע', **נישט נאר אויף די אידן אין מצרים**; מען זאגט 'נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו' **נישט נאר אויף די אידן אין מצרים**; מען זאגט 'מקימי מעפר דל מאשפות ירים אביון להושיבי עם נדיבים' און מ'האָט אינזין אויך מצרים, אָבער **נישט נאר אויף יציאת מצרים**, נאר אויף אַלע חסדי ה' וואָס מיר באַקומען אַלעמאָל.

### דורך לויבן השי"ת באַקומט מען אַ טיפע אמונה ובטחון

אַלעס וואָס מען רעדט און מען דערציילט פּסח ביינאַכט איז הלל והודאה פאַר'ן אויבערשטן, אָבער די עיקר נקודה פון די שיר ושבח איז נישט בלויז אַז מ'וויל דאַנקן איינעם וואָס האָט אונז געטון גוטס, נאר **מ'איז זיך מתבונן אַביסל טיפער:** דער איד פאַרשטייט, דורך דאָס גוטס וואָס השי"ת איז אים מטיב, וויפיל דער רבוש"ע איז משגיח אויף יעדן פּרט ופרט, **וויפיל דער רבוש"ע האָט אים ליב**, און וויפיל דער רבוש"ע גיט זיך אָפּ מיט אים!

אָט די שטאַרקע אמונה ברענגט דעם מענטש **צו באַקומען אַ געוואַלדיגע בטחון אין השי"ת;** זיך צו פאַרלאָזן אויף אים און אים ווייטער ווילן דינען. ווייל ווען מען איז מעורר אַ רגש פון הכרת הטוב, נעמט דאָס אַרום דעם גאַנצן מהות פון אַ איד.

### ביי יציאת מצרים איז נתגלה געוואָרן אַלע יסודות פון בטחון

פּסח ביינאַכט זאָגט דער מענטש: אין מצרים האָב איך געזען, וויאַזוי מיר זענען געווען אין אַ שווערע מצב און **ס'האָט אויסגעקוקט אַז ס'איז נישטאָ קיין האָפענונג**, אָבער דוקא דאָרט איז אַרויסגעקומען אין דער עפנטליכקייט אַלע יסודות פון אמונה ובטחון.

ערשטנס, ס'האָט אויסגעזען אַז ס'איז נישטאָ קיין וועג אַרויס **און דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַ וועג.** צווייטנס, דער רבוש"ע האָט עס געמאַכט מיט **אַן אופן פון 'שידוד מערכות', וואָס דורכדעם**

> **די גאַנצע צורה און מהות פון דער נאַכט איז, אַז מ'זאָל עוסק זיין אין דאַנקן דעם רבוש"ע אויף זיין אהבה צו אונז**

**האָט מען געזען אַז ער איז אַ כל יכול.** דריטנס, ס'איז געטון געוואָרן **מיט אַזאַ גרויסע אהבה.** פערטנס, די אַלע נסים זענען געטון געוואָרן נישט בלויז ווייל השי"ת האָט אונז געוואָלט אַרויסנעמען פון מצרים, נאָר **ער האָט אונז געוואָלט געבן דעם רבוש"ע אַליין.** ווי צדיקים האָבן געטייטשט (בית אהרן שביעי של פּסח, בשם הרה"ק רבי ברוך ממעזיבוז זי"ע) **'ועל הכל ה' אלקינו אנחנו מודים לך'** - מער פון אַלעם דאַנקן מיר דיר אַז דו ביסט אונזער אויבערשטער, דו האסט משרה געווען שכינתך אויף אונז!

דאָס זאָגט מען ביי 'כמה מעלות טובות למקום עלינו': מען דאַנקט אויף **שבת**, מען דאַנקט אויף **מעמד הר סיני**, מען דאַנקט אויף **פסקה זוהמתן**, מען דאַנקט אויף **קבלת התורה**, מען דאַנקט אויף **ארץ ישראל** און **בית הבחירה**, ווייל **די גאַנצע צורה און מהות פון דער נאַכט איז, אַז מ'זאָל עוסק זיין אין דאַנקן דעם רבוש"ע אויף זיין אהבה צו אונז.** דער אויבערשטער האָט אונז געהייסן מאַכן אַ זכר ליציאת מצרים ווייל ער וויל אַז מיר זאָלן אַריינבאַקן אין זיך די יסודות פון אמונה.

### פּסח ביינאַכט דאַנקט מען מיט 'התפּעלות'

דאָס איז בעצם דער יסוד וואָס שטייט אין דעם באַקאַנטן **רמב"ן** פון סוף פּרשת בא, וואָס איז מסביר פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן אַזויפיל מצוות זכר ליציאת מצרים, ווייל די **תורה וויל אַז אַ איד זאל קוקן אויף די 'נסים נגלים' און פאַרשטיין דערפון אַז די גאַנצע טבע איז 'נסים נסתרים'.** ווען דו וועסט זען די נסים נגלים וועט דאָס מחזק זיין זייער שטאַרק דיין אמונה אַז ס'זאָל דיך איבערנעמען אַלעמאָל.

זאָגט דער אויבערשטער פאַר'ן מענטש: במשך דעם גאַנצן יאָר קענסטו עוסק זיין אין זכר ליציאת מצרים מיט טעכנישע עשיות, למשל הנחת תפילין וכדומה, אָבער **אין די נאַכט פון פּסח וויל איך אַז דו זאָלסט עס טון מיט התפּעלות!** איך וויל אַז די מצוה פון אַריינשיינען די אמונה זאל געטון ווערן **מיט אַ גרויסע התרגשות**, אויף אַן אופן פון 'כאילו הוא יצא ממצרים'.

ג

## לפיכך אנחנו חייבים להודות; פּסח ביינאַכט דאַרף מען משפּיע זיין מיט אַן אינערליכע 'התפּעלות'

### די חילוק צווישן אַ 'ידיעה' און אַ 'געפיל'

אַז מ'טראַכט אַריין וועט מען זען אַז ס'איז דאָ אַ באַגריף פון 'ידיעה'. דאָס איז ווען **דער מענטש ווייסט קלאָר אַ געוויסע אינפאָרמאַציע, אָבער ער זאָגט עס 'מתוך ידיעה'.** ווידעראום איז דאָ אַ מציאות ווען אַ מענטש איז עוסק צו לויבן און דאַנקן. דעמאָלט איז דאָס **אַ פּערזענליכע זאַך.** ס'איז אַ געפיל. דער מענטש שפּירט: "איך האָב נישט גענוג קיין ווערטער".... ווען אַ איד דאַנקט דעם אויבערשטן ליגט דערינען גאָר אַסאַך נפש, ער דאַנקט מיט זיין גאַנצע מהות.

קומט אויס אַז ווען מ'לויבט און מ'דאַנקט דעם רבוש"ע **איז דאָס אַ מהלך וויאַזוי די אמונה גייט אַריין זייער שטאַרק אין דעם מענטש**, און דער אויבערשטער וויל טאַקע דאָס! דערפאַר איז די גאַנצע נאַכט געבויעט אויף אַ צורה פון הודאה, און **די הודאה דאַרף טאַקע זיין מיט התרגשות.** די הלכה איז אַז מ'דאַרף אָנהויבן 'בגנות', ווייל מ'זאָגט פאַר'ן מענטש: **דערצייל דעם מצב וואו דו ביסט געווען**, דערמאַן זיך אין וואָס פאַראַ שפלות דו האסט זיך געפינען, און נאָכדעם **זאָלסטו געדענקן וויאַזוי דער אויבערשטער האָט דיך אַרויסגענומען מאפילה** **לאור גדול! מיגון לשמחה!** דאָס איז די שטאַרקע כלים צו ברענגען אַ געוואַלדיגע התרגשות אין דעם מענטש.

### רגשי התפּעלות נעמט אַרום אַלע כוחות הנפש

און ס'איז וויכטיג צו וויסן, אַז ווען דער מענטש האָט התרגשות און התפּעלות **איז דאָס נישט בלויז אַ מתנה פון געפילן:** "ווען איך האָב התרגשות האָב איך אַ גוטע געפיל, ס'איז מיר געשמאַק, איך האָב זיך געשפּירט דערהויבן". דאָס איז נאָר אַ קליינע חלק פון דער מתנה.

ווען אַ איד איז מתפּלל זיין אַז ער זאָל האָבן אַ דערהויבענע סדר נאַכט, ער וויל האָבן שטאַרקע געפילן פון קדושה, און מ'פרעגט אים פאַרוואָס. פאַרשטייט ער נישט די שאלה: "וואָס הייסט פאַרוואָס?! איך וויל קענען שפּירן אַ דערהויבנקייט פּסח ביינאַכט, ווער וויל נישט?!"

אָבער **באמת איז דאָ אַ ברייטערע תשובה**, און מ'דאַרף עס קענען אַרויסזאָגן מיט אותיות: **ווען אַ מענטש ווערט נתרגש און נתפּעל ווערן זיינע ידיעות נתלבש אין די נידריגערע חלקים פון זיין מהות.**

### ווען ס'איז דאָ התרגשות קומט עס אָן צום גאַנצן מענטש

לאָמיר דאָס מסביר זיין בעסער: דער מענטש האָט **מחשבות און רצונות וואָס דאָס איז די העכערע חלקים פון זיין מהות.** און דערנאָך האָט דער מענטש **מער נידריגע חלקים אין זיין מהות**, וואָס שלעפּן אים אַמאָל צו עצלות, אָדער צו עצבות. דער מענטש רופט עס אָן: "נישט אַלעמאָל בין איך אין אַ גוטע גיסטע... אַמאָל האָב איך אַ געשמאַק פאר דברים שבקדושה, אַמאָל איז עס שוואַכער, און צומאָל איז אפילו דאָ אַ משיכה צו עבירות ח"ו".

אין די חסידי'ישע ספרים ווערט דאָס אָנגערופן אַז ס'איז דאָ **'חכמה בינה ודעת'**, וואָס דאָס איז אין דעם מח פונעם מענטש. נאָכדעם איז דאָ **'חסד גבורה תפארת'**, וואָס זענען די מדות בלב. דערנאָך קומט **'נצח הוד יסוד'**, וואָס זענען דער חלק פון עשיה אויף למעשה, כידוע אַז 'נצח הוד' איז מרמז אויף די רגליים, דאָס הייסט די זאַכן וואָס מ'דאַרף פאַקטיש טון דאָ אויף דער ערד.

אַצינד, ווען דער מענטש ווערט נתרגש אין זיין מח און זיין האַרץ פון אַ ידיעה, **גייט דאָס נאָכדעם אַריין אין 'נצח הוד יסוד'.** די ליכטיגקייט גייט אים אַריין אין די ביינער און **ס'נעמט אים אינגאַנצן**

**איבער.** די זאַך פּאַסירט ביי יעדן מענטש, מ'דאַרף נישט זיין קיין בעל השגה צו פאַרשטיין דעם מושג.

לייטער קען דאָס צומאָל אויך געשען אויף די פאַרקערטע זייט. צום ביישפּיל ביי כעס. דער מענטש האָט זיך אויפגערעגט, און מ'שטייט שוין אַהאַלבע שעה שפּעטער, **אָבער ער איז נאָכנישט ביי זיך.** די כעס אין האַרץ איז שוין לאַנג געענדיגט, יענער איז שוין אַוועקגעגאַנגען, טעכניש האָט דער מענטש זיך שוין לאַנג באַרואיגט, **אָבער ער שפּירט נאָך דעם טמטום הלב.** ער שפּירט אַן אומבאַקוועמע געפיל. דאָס איז וויבאַלד די כעס איז נישט נאר געווען אין מח, נאר ס'איז נתלבש געוואָרן אין אַלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים. דערפאַר איז דאָס טאַקע אַזוי האַרב 'כאילו עובד עבודה זרה'. דאָס זעלבע זאַך שפּילט זיך אָפּ ביי תאוה חלילה, **דער מענטש ווערט אינגאַנצן אַראָפּגעשלעפּט** ווייל ס'איז זיך מתלבש אויף זיין גאַנצע מהות.

## דאַנקן מיט התרגשות וועט דיך געַנצליך איבערנעמען

זאָגט דער רבוש"ע פאַר'ן מענטש: איך גיב דיר אַ געוואַלדיגע געלעגנהייט, אַז דו זאָלסט זיך מתבונן זיין און זאָלסט דאַנקן **אויף אַן אופן פון התרגשות**, יעדער איינער לויט זיין שטאַפּל, אָבער וואו דו געפינסט זיך, **גיי אַריין אין שבח והודאה מיט מער התפעלות.** יעצט גייט פּאַסירן אַז **אָט די ידיעה גייט אַריינקריכן אין דיינע נידריגערע חלקים**, און ס'גייט דיך אינגאַנצן איבערנעמען!

און וואָס וועסטו האָבן דערפון? וועסט האָבן אַ מורא'דיגע פאַרדינסט, עס וועט דיך אַזוי שטאַרק העלפן צו זיין נאָנט מיט'ן רבוש"ע!

## אַ זאַך וואָס מען שפּירט, געדענקט מען אויף אייביג

מ'זעט דאָס בחוש אַז ווען אַ מענטש האָט געהאַט אַ געפיל פון התרגשות **געדענקט ער דאָס אפילו 10-20 יאָר שפּעטער.** און ס'איז תלוי אין די שטאַפּל פון התרגשות, **וויפיל מער ער האָט געשפּירט, אַזויפיל מער געדענקט ער דאָס!** אַ מענטש קען פּונקטליך געדענקן זיין בר מצוה אָדער אַנדערע פריע זכרונות פון זיין לעבן, וויבאַלד **ס'האָט אים אַזוי איבערגענומען אינגאַנצן אַז ס'איז אַריינגעקראָכן טיף אין נפש**, און אַ זאַך וואָס ליגט זייער טיף ביי דיר, בלייבט אין זכרון.

אויב איז דאָס געווען אַ זאַך וואָס האָט אים נישט באַנומען, זאָגט דער מענטש שפּעטער: "איך מיין איך בין דאָרט געווען"... צומאָל זאָגט דער מענטש: "דאַכט זיך אַז איך האָב אַמאָל געהערט יענעם ווארט"... דאָס איז טייטש אַז ס'איז נישט אַריין אין דיין מהות. די באַדייט פון ריכטיגע זכרון איז, ווען דער מענטש זאָגט: "איך געדענק עס ווי היינט"! **פאַרוואָס טאַקע געדענקט ער דאָס אַזוי גוט? ווייל ס'האָט אים אַזוי שטאַרק איבערגענומען**, אַז ס'איז אַריינגעקראָכן זייער טיף אין זיין נפש און ס'איז געוואָרן ממש אַ חלק פון אים.

## מ'דאַרף אַליין אינערליך נתרגש ווערן

אָבער כדי אַז מ'זאָל טאַקע קענען מקיים זיין די מצוות הלילה אויף אַזאַ סאָרט אופן פון התרגשות, דאַרף מען האָבן אַ קלאָרקייט, צו וויסן 'וואָס' איך וויל דאָ טון און 'וויאַזוי' איך וויל עס טון, ווייל **'התרגשות' קען מען נישט מאַכן פון אינדרויסן.** די נושא איז נישט 'שאָקלן', די נושא איז נישט 'שרייען', און **די נושא איז נישט אַז מ'זאָל מאַכן אַ שפּיל כאילו מען איז נתרגש.**

דאָס איז אַ טעות אויב מען מיינט אַז די גאַנצע מצוות הלילה איז נאָר פאַר 'יענעם'. אַמאָל רעדט מען זיך איין אַז "איך דאַרף נישט נתרגש ווערן באמת, **נאר כ'דאַרף מאַכן אַ 'מצב' מיט שינויים אַז דאָס קינד זאל געדענקן**"... אויב דאָס וואָלט געווען די נקודה, בלויז צו מאַכן שינויים כדי אַז די קינדער זאלן פרעגן, וואָלט מען סך הכל געקענט שאָקלן דעם טיש און זיך אָנטון אַ מאָדנעם קאַפּעלוטש כדי אַז די קינדער זאלן פרעגן. אָבער דער אמת איז **אַז 'וידעתם כי אני השם' גייט אַרויף אויפ'ן מספר אַליין, דו דאַרפסט ווערן נתרגש!** דערפאַר איז נישט גענוג צו מאַכן איבערראַשט דאָס קינד, ווייל דו אַליין האָסט דאָך יאָ געוואוסט די סורפּרייז פון פאַרדעם... און דו האָסט נישט באַקומען קיין התרגשות דערפון. **די עיקר עבודה איז צו אַריינברענגען דעם רבוש"ע ביי זיך אַליין**, אויף אַזאַ סאָרט אופן אַז מ'זאָל קומען לידי התרגשות.

וואָס איז טאַקע די זאַך וואָס קען אונז ברענגען צו התרגשות? די תורה גיט אונז אַ מורא'דיגע עצה, ס'איז אַ דאורייתא'דיגע עצה, אַז ווען דו וועסט משפּיע זיין פאַר אַנדערע, פאַר דיינע קינדער, פאַר דיין שטוב, און **דו וועסט דאָס טון מיט אַ צורה פון השפּעה**, נישט סתם מיט טעכנישע טאַקטיקן, **דעמאָלט גייט דאָס אויפוועקן דיינע טיפסטע חלקי הנפש**, און אויטאָמאַטיש וועט עס אַריבערגיין צו אַלע דיינע אַרומיגע.

ד

# מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים; דאָס וויכטיגקייט אָנצוגרייטן אונזער 'נפש' צום סדר טיש

## אָן קיין הכנה קען מען נישט משפּיע זיין

איידער כ'בין געוואָרן אַ מגיד שיעור פאר יונגע בחורים, האָב איך גערעדט מיט אַ קלוגער איד, צו הערן פון אים עצות און מהלכים וויאַזוי צו לערנען מיט בחורים. האָט ער מיר דעמאָלט געזאָגט אַ געוואַלדיגער יסוד:

אַ מגיד שיעור דאַרף זיכער מאַכן צו זיין פעסט צוגעגרייט צום שיעור מיט אַלע פּרטים פון רש"י, תוספות און די מפרשים, אויף הונדערט פּראָצענט. אָבער **נישט ווייל אויב ער וועט זיך נישט גוט צוגרייטן ווערט ער נישט קענען זאָגן אַ גוטן שיעור.** מ'רעדט דאָך דאָ פון יונגע בחורים, און ס'איז דאָ גענוג צייט אַז דו זאָלסט קענען אויס'חשבונ'ן אינמיטן דעם שיעור וואָס תוספות מיינט. אַ מגי"ש וואָס איז אַ בעל כשרון קען זיך אַן עצה געבן... ער איז דאך אָפּגערוקט אַסאַך יאָר פון דעם יונגן בחור'ל, מאַכט ער אַזאַ אָנשטעל: "נו, יענקל וואָס זאָגסטו? משה וואָס זאָגסטו", און אינמיטן וואָס די בחורים דינגען זיך אין דער סוגיא, קוקט דער מגי"ש אַריין אין דעם ביאור פון אונטן... דאָס איז נישט די פּראָבלעם.

## דער משפּיע דאַרף זיין פולקאָם אָנוועזנד

די סיבה פאַרוואָס מ'דאַרף זיין שטאַרק פאָרגעקוקט, איז ווייל **די תפקיד פון אַ מגיד שיעור איז, אַז ער זאָל זיך מתחבר זיין הונדערט פּראָצענט מיט דעם נפש פון די תלמידים!** אויב צען פּראָצענט פון דיין מח איז פאַרנומען צו טראַכטן פּשט פון דער גמרא, **קענסטו נאר געבן פאַר די בחורים ניינציג פּראָצענט פון דיין מח.**

די עיקר תכלית פון זיך גרייטן צום שיעור איז כדי אַז ווען דער מגי"ש קומט אַריין צום שיעור, **איז יעצט גאָרנישט דאָ.** ער האָט נישט קיין שום לחץ וועגן די סוגיא; ער דאַרף זיך אפילו נישט מוטשן וויאַזוי דאָס צו מסביר זיין, ווייל אויך יענע חלק האָט ער שוין געטראַכט וויאַזוי דאָס צו טון.

**יעצט איז דער מגי"ש פולקאָם מיט די בחורים.** ער איז גוט אויפגעלייגט און ער וויל זיי העלפן. ער קען באַמערקן אויף יעדן בחור, צי דער בחור איז 'דאָ'. ער קען דאָס באַמערקן אויפ'ן בחור'ס פּנים, אויך אָן קענען חכמת הפרצוף, ווייל ער איז אינגאַנצן מיט'ן בחור. און ווען דער מגי"ש איז אינגאַנצן מיט די תלמידים **איז די צינור פון השפּעה אַזוי ברייט**, אַז די אהבה גייט אויטאָמאַטיש אַריבער, און דעמאָלט איז די כח אַריינצוברענגען תורה צען מאָל שטאַרקער!

## די מאַכטפולע כח פון השפּעה אַרבעט נאר מיט הכנה

דאָס איז דאך אַזאַ גרויסער יסוד, **נישט בלויז בנוגע אַ מגיד שיעור מיט בחורים, נאר ביי אַזויפיל אַנדערע זאַכן.** צומאָל וויל אַ מענטש אָנהויבן מסביר זיין עפּעס פאר אַנדערע, אָבער ער ווייסט אַליין נישט וויאַזוי דאָס צו זאָגן. טראַכט ער: "ערשט לאָמיר אָנהויבן רעדן מיט אים, מ'וועט שוין באַלד זען וואָס מ'וויל אים זאָגן". אַצינד איז זיין מח פאַרנומען מיט אַ גאַנצע רייע פון זייטיגע חשבונות, וויאַזוי מ'גייט דאָס מסביר זיין און וויאַזוי ער גייט זיך פאַרמיידן בזיונות. **למעשה איז בלויז צען פּראָצענט פון זיין מח מיט דעם אַנדערן מענטש, און אויף אַזאַ אופן קען נישט געשען קיין ריכטיגע השפּעה.** עס פּאַסירט אין זיין מח צופיל אַנדערע זאַכן אַז ער זאָל קענען אמת'דיג משפּיע זיין פאַר'ן אַנדערן.

דער רבוש"ע האָט אַריינגעלייגט אַ געוואַלדיגן כח השפּעה אין דער בריאה. דאָס איז גאָר אַ מאַכטפולער כח. אָבער כדי אַז דער מענטש זאָל

קענען ריכטיג משפּיע זיין, **מוז מען מאַכן אַן הכנה בעפאָר.** מ'דאַרף טראַכטן: **וואָס וויל איך משפּיע זיין? וועלכע נקודה וויל איך איבערגעבן?** אַצינד האָט ער אַ קלאָרקייט, ער גרייט זיך אָן אַ משל, אַ מעשה, ער ווייסט פּונקטליך וואָס ער וויל משפּיע זיין. שפּעטער, ווען דער מענטש איז עוסק צו איבערגעבן, **נוצט ער מער זיין 'נפש' ווי זיינע 'ידיעות'.** ער נוצט מער זיין 'האַרץ' ווי זיין 'מח'. ער איז יעצט אינגאַנצן פאַרנומען צו משפּיע זיין!

### ווען מ'וויל משפּיע זיין, קען מען נישט זיין פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז ס'איז דאָ אַ איד וואָס טיילט אַ גרויסע קמחא דפּסחא פון קאַרטאָפל, אייער, צוויבל, א.א.וו. איז דאָ עטליכע חלקים אין דעם גרויסן פּראָיעקט וואָס ער פירט אָן. צוערשט איז דאָ **דער חלק וואָס ער איז עוסק צו שאַפן געלט;** ער רופט אָן נדיבים בעם, ער רעדט מיט זיי און וואַרעמט זיי אָן צו אַרויסהעלפן. דערנאָך איז דאָ **דער חלק פון באַשטעלן** און ערלעדיגן אַז אַלע פּראָדוקטן זאלן אָנקומען. דאַן איז דאָ **דער חלק פון שטיין דאָרט בשעת דער חלוקה** און זיכער מאַכן אַז יעדער באַקומט און יעדער איז צופרידן.

ווען דער מענטש וואָלט בשעת מעשה פון די חלוקה געווען פאַרנומען מיט די ערשטע צוויי חלקים, **וואָלט ער נישט געקענט יעצט ריכטיג משפּיע זיין.** ווייל ווען דו טיילסט אויס די חלוקה דאַרף מען האָבן דיין גאַנצע האַרץ און דיין גאַנצע נפש דאָ אויפ'ן פלאַץ! אויב דו ווילסט עס טון ריכטיג, קענסטו נישט יעצט עוסק זיין אין שאַפן געלט אָדער באַשטעלן פּראָדוקטן. **דאָס האָט מען געדאַרפט טון איידער מ'הייבט אן משפּיע זיין.**

### אָן קיין געפיל איז נישטאָ קיין השפּעה

אין פּרק **ערבי פסחים** (פּסחים קיז א)[א] פרעגט די גמרא אַ סתירה, אויב דאָס לערנען דאַרף זיין מיט אַ יראה, אָדער מיט אַ שמחה של מצוה, און איינס פון די תשובות פון דער גמרא איז: **'הא ברבה הא בתלמידא'**, עס איז אַ חילוק צווישן דעם רב און דעם תלמיד. - דער תלמיד דאַרף לערנען מיט אַ יראה, און דער רב דאַרף פאָרלערנען מיט אַ שמחה.

די הסבר דערפון איז, ווייל **די תכונה פון דעם תלמיד דאַרף זיין 'צו מקבל זיין מיט הכנעה'**, און

## מ'קען נישט אַריינפאַלן פון אַן 'ערב פסח מצב' צום יום טוב פסח

דעריבער איז דאָס פאַרבינדן מיט 'יראה' וואָס דאָס גייט צוזאַמען מיט מקבל זיין. אָבער **די תכונה פון דעם רב איז 'צו משפּיע זיין'**, דעריבער דאַרף ער זיין גוט אויפגעלייגט, **ווייל ער גיט יעצט אַרויס 'נפש'.** ער איז יעצט משפּיע אַלעס וואָס מ'דאַרף איבערגעבן, און דאָס מוז זיין מיט'ן גאַנצן נפש! **ס'איז נישט גענוג צו בלויז איבערגעבן 'ידיעות'**, ווייל אויב ביסטו משפּיע אָן קיין אינערליכע געפיל, איז נישטאָ 'ווער' ס'זאָל דאָס איבערגעבן!

ווען אַ איד קומט אַהיים פּסח ביינאַכט און ער וויל איבערגעבן אמונה פאר זיינע קינדער, **איז די שליסל דערצו: שמחה און אויפגעלייגטקייט!** נישט ווייל ס'איז אַ פּראַקטישע טאַקטיק, נאר ווייל אויב דו ווילסט עפּעס איבערגעבן פון דיין נפש, קען מען דאָס טון נאר אויב דיין נפש איז אויפגעהויבן און פריילִיך.

און במאמר המוסגר, ווען דו ביסט אָנגעשטרענגט און צעבראָכן, ביסטו אויך עוסק אין איבערגעבן: **דו ביסט משפּיע 'נפש', נאר אן אַנדערע סאָרט נפש...** דו ביסט מצליח אַריינצוברענגען דיינע קינדער אין דעם אָנגעשטרענגקייט. אַלעמאָל ביסטו עוסק אין געבן 'נפש'. ס'ווענדט זיך נאר וועלכע סאָרט 'נפש' דו געבסט איבער.

### די ריכטיגע השפּעה האָט אַ מורא'דיגע ווירקונג אויף זיך אַליין

און מ'דאַרף געדענקן, וואָס מ'האָט פריער דערמאַנט, אַז **ווען אַ מענטש איז משפּיע אמונה פאר אַנדערע, דעמאָלט איז דאָס אים אַליין מעורר אויפ'ן שטאַרקסטן פאַרנעם!** אָבער כדי אַז ס'זאָל טאַקע זיין די ריכטיגע השפּעה פאָדערט זיך אַז (1) דער מענטש זאל זיין קלאָר וואָס ער וויל איבערגעבן, און (2) ער זאָל זיין אין אַ מצב פון שמחה און אויפגעלייגטקייט.

ווען אַ איד האָט אַ קלאָרקייט וואָס ער וויל משפּיע זיין, און ער האָט אַ שמחה מיט אַ געפיל צום מקבל, **טוט ער אַצינד איבערגעבן די ידיעות, צוזאַמען מיט זיין אייגענע דערהויבענע נפש.** דאָס האָט אַן אויסטערלישע השפּעה **סיי אויף יענעם, און סיי אויף אים אַליין.** ווייל עס שפּיגלט זיך אָפּ צוריק מיט אַן 'אור חוזר' צו דעם משפּיע און עס ווערט אים אַליין זייער ליכטיג.

### מען מוז אָנגרייטן 'נפש' צום סדר נאַכט

דערפאַר דארף אַ מענטש פאַרשטיין אַז **ער מוז צוגרייטן 'נפש' ווען ער וויל איבערגעבן דיבורי אמונה.** ער מוז צוגרייטן פריילִיכקייט ווען ער וויל משפּיע זיין פאַר זיין שטוב!

פּונקט אַזויווי ווען ס'קומט שב"ק פאַרשטייט אַ מענטש, אפילו פּראַקטיש גערעדט, אַז **אויב איז ער פאַר'דאגה'ט פון זיין ביזנעס, האָט ער נישט קיין שבת.** ער דאַרף דאָס נישט טרעפן דוקא אַז ס'שטייט אַזוי אין אַ ספר מיט אותיות, הגם אַז ס'שטייט אודאי אין יעדן ספר, אָבער **ער ווייסט דאָס פּשוט פון זיך אַליין.** ווייל ער געדענקט אַז ווען ער האָט געהאַט אַ רואיגן דאָנערשטאָג און פרייטאָג, אָדער ווען ס'איז געווען שבת נאָך צוויי טעג יום טוב, **איז ער אַריינגעקומען אינעם שבת אַנדערש.** ער איז נישט אַריינגעפאַלן אינעם שבת נאָך אַ געלויף, זיין דאַווענען פרייטאָג צונאַכטס איז דעמאָלט געווען באמת באַ'טעמ'ט און געשמאַק.

דאָס זעלבע דארף אַ איד דערהערן אַז **מ'קען נישט אַריינפאַלן פון אַן 'ערב פסח מצב' צום יום טוב פּסח.** עס דאַרף זיין אַ ממוצע. אויב מען לויפט און לויפט ביז'ן סדר נאַכט, דעמאָלט האָט מען נישט דעם נפש. און אפילו אויב טעכניש דאַרף דער מענטש אַרבעטן ערב פסח אַגאַנצן טאָג, צו ערלעדיגן אַלע צרכי החג, **טאָר דאָס אָבער נישט קומען אויפ'ן חשבון פון זיין 'נפש' אַז דער מענטש זאָל נישטאָ זיין.** ס'איז אַזוי וויכטיג אָנצוגרייטן דעם נפש, אַז מ'זאָל יאָ קענען אָנקומען צום סדר אויפגעלייגט און מיט אַ ישוב הדעת.

ה

## כאשר זכינו לסדר אותו; ריכטיגע 'התבוננות' איז מעורר די טיפע אמת'ע 'התרגשות'

### אַ טרוקענע הודאה איז נישט קיין הודאה

מ'האָט אָנגעהויבן דעם שיעור אַז דער גאַנצער סדר נאַכט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַז מ'זאָל עוסק זיין אין דאַנקן דעם רבוש"ע. דאָס שטייט אין די הגדה פון אָנהויב ביז'ן סוף: **לפיכך אנחנו חייבים להודות להלל לשבח לפאר לרומם להדר ולנצח.**

ווען אַ איד דאַנקט דעם אויבערשטן דאַרף ער באמת שפּירן אַ רגש פון 'הודאה' אין אַלע זיינע אברים. **אויב מען זאָגט דאָס טרוקענערהייט, הייסט דאָס נישט אַז מען האָט געדאַנקט!** שוין אָפּגערעדט אַז אויב מ'וויל איבערגעגעבן דעם רגש פאר די קינדער, **מוז מען באמת זיין 'אויסער זיך' פון שמחה און און שבח והודאה**, פּונקט ווי מען וואָלט יעצט געוואונען אַ גרויסער סכום געלט. יעדער איינער קען אָנקומען צו שפּירן אַזעלכע געפילן, אָבער **די ערשטע זאַך פאָדערט זיך פּשוט אַז דער מענטש זאל 'וועלן' דאַנקן יעצט.** ער איז געקומען צום סדר מיט דעם רצון, אַז ער וויל זיך באמת אַריינטון אין דער זאַך פון דאַנקן דעם רבוש"ע.

### השי"ת דארף בלויז די דאַנק פון אַ אידיש האַרץ

ס'איז דאָ אַ הייליגע לשון פון **זוהר הק'** (זוה"ח, מדרש הנעלם דף י"א ע"ב) אויפ'ן פּסוק: **הללוהו בתקע שופר, הללוהו בנבל וכינור, הללוהו בתוף ומחול, הללוהו במינים ועוגב.**

פרעגט דער זוהר הק': **וכי צריך הקב"ה להאי** - דארף דען דער אויבערשטער די גאַנצע רשימה פון כלי זמר?!

---

א. הרה"ק רבי **צדוק הכהן** זצ"ל זאָגט אַז יעדע דבר אגדה וואָס שטייט אין אַ מסכת, באַלאַנגט דוקא צו דעם פּרק וואו חז"ל האָבן דאָס אַריינגעלייגט, אפילו אויב ס'קוקט אויס אַז ס'איז אַ זייטיגע ענין.

**אלא אמר דוד: כל מה שתשבחו לקמי קב"ה בהני מיני זמר, אינו כלום.** - דוד המלך זאָגט דאָ, וויפיל איר וועט נאר לויבן דעם אויבערשטן מיט אַלע סאָרט כלי זמר, איז דאָס גאָרנישט.

**כאדם האומר לחבירו: עכשיו עשה זה וזה, וכל מה שתעשה, אינו כלום עד שתעשה דבר פלוני.** - אַזויווי אַ באַלעבאָס זאָגט אַמאָל פאר זיין אַרבעטער: לאָמיר זיין קלאָר, אַלע אַרומיגע זאַכן זענען זייער פיין און געשמאַק, אָבער כ'האָב נישט צופיל ריווח דערפון. **טאָמער דו ברענגסט מיר נישט צום טיש תכלית, וואָס האָב איך פון די אַלע זאַכן?!** אפילו אויב דו וועסט מיר טון אַלע אַרומיגע ענינים, אָבער ווילאַנג דו טוסט נישט דאָס, איז כאילו דו האסט גאָרנישט געטון.

**כך אמר דוד, הללוהו בצלצלי שמע הללוהו בצלצלי תרועה, כלומר אינו הילולו, אלא מהו הילולו? כל הנשמה תהלל י-ה הללוי-ה.** - דאָס הייסט אַז די גאַנצע געזאַנגען פון אַלע סאָרט כלי זמר, דאָס איז נישט די לויב וואָס השי"ת דאַרף האָבן. **וואָס איז די ריכטיגע הילול?! ווען אַ איד דאַנקט פון האַרץ אַרויס. אָט דאָס הייסט געדאַנקט!** ווען אַ מענטש דאַנקט ווייל ער איז באמת נתרגש געוואָרן פון די טובות וואָס דער רבוש"ע האָט אים געטון. אויף אַזאַ שבח ווארט דער אויבערשטער!

## אַביסל התבוננות קען אָנצינדן דאָס התרגשות

די וועג וויאַזוי אָנצוקומען דערצו אַז מ'זאָל לויבן דעם אויבערשטן מיט התרגשות, איז **דורך התבוננות.** אויב מ'גרייט זיך אַביסל אָן דעם מח בעפאָר, קען מען אַזוי שטאַרק נתרגש ווערן. יעדער איד קען זיך טרעפן אין די ווערטער 'מקימי מעפר דל מאשפות ירים אביון להושיבי עם נדיבי עמו' - **דאָס מיינט בגשמיות און ס'מיינט אודאי אויך ברוחניות!** דער רבוש"ע האָט אונז אַרויסגענומען פון דער 'אשפה', און ער האָט אונז אַזוי שטאַרק אויפגעהויבן! ער האָט אונז געגעבן זיין אלוקות און זיין תורה!

אין דער הגדה דערמאַנט מען די מורא'דיגע טובה פון 'ועשה באלוהיהם', אַז דער רבוש"ע האָט אונז געוויזן וויאַזוי אַלע אַרומיגע כוחות הטבע זענען גאָרנישט. **ווייסט וואָס פאַראַ הטבה דאָס איז?!** אַ מענטש קען זיך דאָך נאַרן אַזויפיל צייט, און דער אויבערשטער טוט מיט אים אַ טובה: **"קום, איך וועל דיר ווייזן ווי די אַלע זאַכן זענען גאָרנישט".**

דאָס איז אַזאַ טובה פאַר'ן מענטש, ווען ער ווערט געוואויר אַז די אַרומיגע כוחות זענען גאָרנישט, און **ער ווערט געוואויר אַז אויך זיין אייגענע כוחי ועוצם ידי איז גאָרנישט.** דאָס איז אַזאַ גוטס פאַר אים! דער אויבערשטער האָט אים געהאָלפן און מחנך און מדריך געווען. ווען אַ מענטש דערהערט דאָס, ברענגט עס אים אַן אמת'ע געפיל פון דאַנקן.

## מיר געדענקן נאָר וואָס ס'איז געווען פינף מינוט צוריק...

אָבער כדי דער מענטש זאל ריכטיג באַקומען דעם געפיל פון אינערליכע שבח והודאה, **פאָדערט זיך מחשבה אַז מ'זאָל דאָס גוט דערהערן.** ווייל די נאַרישע מהלך פון מענטשן איז אַז, די וועג וויאַזוי ער רעדט, און די וועג וויאַזוי ער קוקט אויף זאַכן, איז בדרך כלל אונטער די השפעה פון די לעצטע פינף מינוט.

צום ביישפיל: ער איז איינגעשטעלט אין אַ מוסד במשך די לעצטע צוואָנציג יאָר. **דער מוסד האָט אים שיין אויסגעהאַלטן.** זיי האָבן אים אפילו געגעבן יום טוב געלט אַלע יאָרן; און זיי האָבן אים געהאָלפן מיט פאַרשידענע זאַכן; ער האָט זיך שטאַרק געבויעט דאָרט. אָבער **אויב פאר פינף מינוט צוריק האָט אים זיין מנהל געזאָגט עפּעס אַ שטיקל הערה**, און יעצט האָט אים איינער געפרעגט עפּעס וועגן דעם מוסד, איז דער געוועגליכער שטייגער פון מענטשן צו זאָגן: "לאָמיר בעסער נישט רעדן... ס'איז ביטערע מענטשן דאָרט... די אַטמאָספערע אין דעם מוסד איז אַזוי אָנגעצויגן..."

כך דרכם של בני אדם. **קוקט עס נאָך!** דער מענטש קען האָבן אַ גוט לעבן, **ער האָט הצלחות, ער האָט קינדער מיט נחת און וואָס נישט**, אָבער פונקט איז אים אַ יונגל דורכגעלאָפן אין ביהמ"ד און אַביסל קאַווע האָט זיך אָנגעגאָסן אויף זיין נייעם טלית. כאַפּט אַ שמועס מיט דעם מענטש צוויי מינוט שפּעטער. ער וועט לאו דוקא רעדן וועגן די ספּעציפישע מעשה, אָבער זיין גאַנצע וועג פון רעדן וועט זיין מיט אַזאַ סאָרט סגנון פון קבלת יסורים ביראה... "הער אויס, מ'דאַרף זיך מחזק זיין"... **וואָס מחזק זיין?! רבי לעבן, ס'גייט דיר אַלעס גוט!** וואָס מאַכסטו זיך נאַריש מיט אַזאַ קליינינגקייט שבקליינינגקייט?! **אָבער אַזוי זענען מיר.** דער מענטש ווערט איבערגענומען פון אַ שטות והבל, **בלויז ווייל ס'איז געשען יעצט.** די זאַכן וואָס זענען געשען אין די לעצטע פינף מינוט נעמט איבער אַלע זיינע הרגשים. "היינט האָב איך געהאַט אַ שווערן טאָג"...

## הייב אָן צו באַמערקן וואָס דו האָסט יאָ

ובכן, כדי אַז דער מענטש זאָל זיך קענען קריגן מיט דעם שקר, וואָס שפּיגלט בכלל נישט אָפּ די אמת'ע מצב, איז מען מחויב זיך צו מתבונן זיין מיט אַ פעסטע התבוננות, נישט בדיל ויעבור'דיג, כדי צו באַקומען אַ ריכטיגן פּערספּעקטיוו. **דו האָסט טאַקע אַ שוועריגקייט, אָבער ביחס צו דיין גוט לעבן איז דאָך עס ממש שטותים!** געגאַנגען ווייטער! זינג און דאַנק דעם אויבערשטן!

אין נשמת זאָגט מען: **'אילו פינו מלא שירה כים, ולשוננו רינה כהמון גליו, ושפתותינו שבח כמרחבי רקיע, ועינינו מאירות כשמש וכירח, אין אנו מספיקים להודות לך ה' אלוקינו'.** פרעגט דער **חיד"א** אַז לכאורה וויאַזוי וואָלטן מיר געקענט בעסער דאַנקן דעם אויבערשטן ווען מיר וואָלטן געהאַט אויגן וואָס זענען 'מאירות כשמש וכירח'?! מילא ווען ס'וואָלט געווען 'פינו מלא' און 'לשונינו כהמון גליו', וואָלט מען געקענט מער דאַנקן, אָבער וואָס האָט מען דערפון אַז ס'איז 'עינינו מאירות'?!

נאָר, זאָגט דער חיד"א, אַז **כדי צו ריכטיג דאַנקן דעם אויבערשטן דאַרף מען האָבן אויגן וואָס זאָלן באַמערקן!** דערפאַר זאָגט מען אַז אפילו ווען כ'וואָלט געהאַט לעכטיגע אויגן, וואָס וואָלטן באַמערקט די מיליאָנען טובות וואָס דער אויבערשטער האָט געטון מיט מיר, וואָלט איך נאָך אַלץ נישט געקענט גענוג דאַנקן, ווייל איך וואָלט נישט אָנגעקומען צו מכיר זיין אפילו אַ קליינע טייל פון די 'אלף אלפי אלפים ורבי רבבות פעמים הטובות נסים ונפלאות'! קומט אויס אַז **די 'עינינו מאירות' איז אַ גרויסע חלק פון קענען ריכטיג דאַנקן דעם אויבערשטן**, ווען מ'באַמערקט מיט וויפיל טובות דער רבוש"ע באַגיסט אונז אַלעמאָל.

## אַ נאָדל אין דעם ספר הזכרונות

הגה"ח רבי **יוסף חיים גרינוואַלד** שליט"א דערציילט אַז ער ווייסט פון אַ איד וואָס האָט געהאַט אַ 'ספר הזכרונות', וואו ער האָט אַריינגעשריבן אַלע נסים און אַלע טובות וואָס דער רבוש"ע האָט אים געטון. דער שטייגער איז דאָך אַז מיר פאַרגעסן אַ מינוט שפּעטער, דעריבער האָט דער איד געהאַט אַ דיקן ביכל וואו ער האָט זיך כסדר אַראָפּגעשריבן: **דאָ האָב איך געהאַט אַזאַ סייעתא דשמיא, דאָ האָב איך געהאַט אַזאַ השגחה פּרטיות, א.א.וו.** כדי ער זאָל געדענקן און נישט פאַרגעסן די נסים און די טובות וואָס השי"ת באַגלייט אים אַלעמאָל.

אַמאָל האָט דער איד געגעסן אַ שטיקל ברויט און אינמיטן קייען האָט ער געשפּירט אַז ס'איז דאָ עפּעס אַ האַרטע זאַך אין זיין מויל. ער האָט דאָס געגעבן אַ נעם אַרויס און ער האָט געזען, נישט מער און נישט ווייניגער, אַז אין דעם ברויט איז געליגן אַ קליין נאָגל און ב"ה אַז ער האָט עס געכאַפּט ווילאַנג ס'איז געווען אין מויל. ער איז אַזוי שטאַרק נתרגש געוואָרן ווען ער האָט זיך מתבונן געווען: **וואָס וואָלט געקענט פּאַסירן ווען איך שלינג עס חלילה אַראָפּ?!** ס'וואָלט דאך געווען אַ גרויסע צרה מיט שווערע געזונט קאָמפּליקאַציעס, א.א.וו.

געוועגליך, ווען אַ מענטש טראַכט נישט, ווערט ער נישט מורא'דיג איבערגענומען פון אַזאַ זאַך. העכסטנס דערציילט ער דאָס פאר זיין בני בית, מיט טענות אויף די בעקעריי. און **אַהאַלבע שעה שפּעטער איז ער שוין ווייטער אָנגעצויגן** ווייל איינער האָט אים געמאַכט עגמת נפש...

אָבער דער איד וואָס לעבט מיט התבוננות, האָט גענומען דעם נאָגל און **ער האָט דאָס אַריינגעקלעבט אין דעם 'ספר הזכרונות'**, אַז ער זאָל אַלעמאָל געדענקן דעם גרויסן נס וואָס השי"ת האָט מיט אים געטון.

## מען פאַרגעסט פונעם עיקר ווייל מ'איז פאַרנומען מיט'ן 'יעצט'

מיר געדענקן נישט צו דאַנקן השי"ת, אפילו אויף אַזעלכע זאַכן וואָס מיר האָבן אַליין מיטגעהאַלטן, און **דאָס ברענגט אַז מיר האָבן נישט קיין התרגשות ווען ס'קומט צו הלל והודאה**, ווייל די חסדי ה' פון נעכטן און פון לעצטע וואָך איז שוין אַלטע נייעס. יעצט ביים סדר וויל מיין יונגל נישט זיצן רואיג אויפ'ן פּלאַץ... ער וויל מיר שטערן דעם גאַנצן סדר... ער ליגט אויף דער ערד און וויינט בשעת יעדער ווארט דאָ אַז מ'זאָל גיין ווייטער... אָט די נאַרישע געפיל נעמט איבער דעם מענטש, **מער פון אַלע טובות וואָס ער האָט געהאַט אפילו בלויז אין די לעצטע וואָך!**

זיי משים לב אַז ס'איז דאך אַזאַ טפּשות! ווען אַ מענטש האָט אָפּענע אויגן, ער האָט 'עינינו מאירות', ברענגט דאָס אים די מתנה אַז **ער זאָל קענען באמת שפּירן וויאַזוי דער רבוש"ע איז אים אַזוי שטאַרק מטיב.** יעדער מענטש קען דאָס מרגיש זיין, מ'דאַרף זיך נאר אַריינברענגען אין דעם אַטמאָספערע.

ביסט טאַקע פאַריאָגט בעפאָר פסח, אָבער **אינמיטן די אַלע טרדות שרייב זיך אַראָפּ נאָך אַ טובה**

**און נאָך אַ טובה**, יעדעס מאָל וואָס דו דערמאַנסט זיך. וועסטו אָנהויבן זען וויפיל צענדליגער חסדים דו באַקומסט יעדן איינציגן טאָג אין אַלע תחומים פון דיין לעבן! **גיי אַריין אין דער אַטמאָספערע, וועסטו אָנהויבן כאַפּן אַז דער רבוש"ע באַגיסט דיך מיט טובות אָן קיין גבול**, און אַזוי וועסטו קענען אָנקומען צום סדר מיט אַן אמת'ע הרגשה פון שבח והודאה.

### דער סוד פון אַ גוטער 'בעל מספר'

דער כלל איז אַלעמאָל, אַז **ווען אַ מענטש וויל דערציילן אַ מעשה, דאַרף ער קענען אַריינגיין אין יענעם מצב**. מ'קען דאָס זען ביי די בעלי מספרים פאַר קינדער, אַז זיי דאַרפן זיך אַריינלייגן אין דעם מצב אַזויווי ס'איז געשען יעצט. ער דאַרף זיך ממש אויס'משל'ן וויאַזוי דער מצרי האָט אויסגעקוקט, און **אַזוי ברענגט ער אַריין די קינדער אפילו אין דעם חיצוניות'דיגן מציאות** וואָס האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּילט.

דאָס זעלבע איז ביי אַ בעל מספר פאַר ערוואַקסענע. צום ביישפּיל ווען מען דערציילט אַ מעשה וואָס איז געווען ביים הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע. **וויפיל מער ער פּרובירט זיך אַריינצולייגן אין**

# דורך די אַלע פּראָבלעמען צווינגט דיך דער אויבערשטער צו ווערן אַ איד

**די אַטמאָספערע וואָס איז געווען דאָרט, אַלס אַ בעסערער בעל מספר איז ער**. ווייל ווען ער לעבט דאָס מיט, קען ער דאָס אַרויסברענגען שטאַרקער, און ער קען בעסער אַריינברענגען די שומעים אין דעם מצב.

אָבער אויב דער מענטש איז בכלל נישט נתרגש פון דער מעשה, ער זאָגט עס זייער טרוקן: "ס'איז געווען אַזוי, און ער האָט געזאָגט אַזוי", **הערט מען נישט גאָרנישט!** ס'ברענגט נישט קיין שום מוסר השכל, ווייל עס ליגט נישט דאָרט קיין נפש.

### זיך מתבונן זיין אין די חסדי ה'

דאָס זעלבע דאַרף אַ איד אָנקומען צום סדר טיש מיט די פּשוט'ע רגש, אַז **"איך וויל זאָגן די הגדה ווייל איך וויל דאַנקן דעם רבוש"ע אויף די נסים וואָס ער האָט געטון מיט מיר"**. אויב מ'קומט נישט פּסח ביינאַכט מיט דעם פרייליכן געפיל, אַז מען איז באמת מלא רגש פון הודאה צום רבוש"ע, קען מען גאָרנישט דערציילן!

די שליסל וויאַזוי מ'באַקומט דעם געפיל, איז אַז נאָך בעפאָר מ'איז זיך מתבונן אין דעם 'כאילו הוא יצא ממצרים', זאָל **מען זיך מתבונן זיין וויפיל דער רבוש"ע גיט זיך אָפּ מיט דיר**. אַ מענטש דאַרף געדענקן די אַלע נסים, נישט כדי ער זאָל קענען דערציילן די מעשיות ביים סדר נאַכט, נאָר **ווייל דאָס גייט אים אַריינברענגען אַ שמחה אַז ער זאָל ווערן גוט אויפגעלייגט** מיט אַן אָפענעם נפש פון הכרת הטוב פאַר'ן אויבערשטן.

ו

## והוא שעמדה לאבותינו ולנו; דאַנקן השי"ת אויף אויך די זאַכן וואָס גייט נישט וויאַזוי מיר האָבן געוואָלט

### אויב עפּעס קוועטשט, קען מען נישט דאַנקן

דאָס מציאות איז אָבער, אַז כדי דער מענטש זאָל קענען באמת שפּירן אַ שלימות'דיגע רגש פון דאַנקן דעם אויבערשטן, דאַרף ער אויך מאַכן אַ הכנה, צו מכיר זיין די חסדי ה' וואָס ליגט ביי זיינע שוועריגקייטן און עגמת נפש.

ווייל אַלעמאָל ווען אַ מענטש דאַנקט אויף די נסים און די טובות וואָס השי"ת האָט געמאַכט מיט אים, קוועטשט אים עפּעס אין האַרץ: **יאָ, אָבער למעשה, יענע זאַך גייט מיר נישט...** די נפש פון אַ מענטש אַרבעט אויף אַזאַ אופן, אַז די זאַך וואָס פעלט אים, מאַכט אים מער התרגשות פון אַלע זאַכן וואָס ער האָט יאָ. הגם וואָס על פי חשבון שטימט עס נישט, ווייל **ס'איז איין שוועריגקייט קעגן טויזנט חסדים**, אָבער אַזוי אַרבעט אונזער נפש. די זאַך וואָס קוועטשט אים, נעמט ממש איבער זיין גאַנצע געפיל.

מ'קען דאָס אויך זען ביים גוף. ב"ה אַז אַלע אינעווייניגסטע און אַלע דרויסנדיגע אברים אַרבעטן פיין, און דער מענטש שפּירט עס ניטאַמאָל. אָבער **ווען אַ פינגער פון די פיס טוט אים אַביסל וויי, אָה שלום עליכם! ער האָט זיך דערוואוסט אַז ער האָט אַ פיס...** דאָס זעלבע איז עס מיט אונזער גאַנצע לעבן. אַ מענטש קען האָבן פון אַלעם גוטן, ער האָט אַ משפּחה, ער האָט אַ דירה, אַלעס איז בסדר, און ער שפּירט נישט קיין ספּעציעלע התרגשות דערפון: "וואָס ווילסטו אַז איך זאָל שפּירן? ב"ה אַז אַלעס קלאַפּט". אָבער **ווען ער באַקומט איין קוועטש**, איין זאַך גייט נישט וויאַזוי ער וויל, **ווערט ער שוין אינגאַנצן איבערגענומען דערפון.**

### כדי צו שפּירן התרגשות דאַרף מען האָבן אַ שלימות'דיגע נפש

דעריבער איז אַזוי וויכטיג פאַר'ן מענטש אַז בעפאָר פּסח זאָל ער זיך צוגרייטן אויך דעם אַנדערן חלק פון 'חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה'. ווייל **אויב נישט, קענסטו נישט ווערן נתרגש**. דער מענטש זאָגט אַזוי: "איך בין שוין כמעט אָנגעקומען צו התרגשות, אָבער איינער האָט עס אַוועקגעהרג'עט, נעכטן צווישן מנחה און מעריב... בעסער לאָמיר נישט רעדן ווער און וואָס ער האָט געטון... אָבער מיין התרגשות האָב איך שוין נישט געהאַט".

דאָס איז אַן אמת'ע זאַך, ווייל **אַ מענטש קען נאר האָבן התרגשות ווען ער האָט אַ שלימות'דיגע מצב פון נפש**. אויב אַ מענטש הערט אַ וואָרט וואָס קען אים ברענגען התרגשות, אָבער פּונקט ווען ס'איז געקומען צום שפּיץ פון דעם וואָרט האָט אים איינער אָנגעגאָסן מיט עפּעס, **האָט ער יעצט נישט קיין התרגשות**, ווייל ער איז געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש.

דאָס זעלבע זאַך איז מיט דעם נפש. אויב דער מענטש זאָגט: דו ווילסט כ'זאָל ברענגען אַ ליסטע פון טובות וואָס דער אויבערשטער האָט מיר געטון?! איין מינוט, איך האָב עס אין די אַנדערע קעשענע, איך האָב עס געלייגט אין די אַנדערע רעקל, אָה, איך האָב עס, איך ברענג עס יעצט צום סדר... דעמאָלט גייט ער נישט האָבן קיין התרגשות דערפון. פאַרוואָס? ווייל **התרגשות איז אַ געפיל וואָס מען באַקומט ווען דער נפש איז גאַנץ**. אָבער אויב תוך כדי די התרגשות טוט אים עפּעס וויי, עפּעס שטערט אים, ער איז צעבראָכן וועגן עפּעס, **דעמאָלט ווערט דאָס אַוועקגענומען פון זיין התרגשות.** אפילו אויב ער איז נישט ברוגז אויפ'ן רבוש"ע, **אָבער ער קען נישט יעצט נתפעל ווערן.**

### אַלע פּראָבלעמען זענען באמת חסדי ה'

לאָמיר אַלזאָ חזר'ן דעם יסוד, וואָס איז בעצם אַן אַלטע באַקאַנטע יסוד, אָבער **ווען ס'קומט צום סדר נאַכט דאַרף מען דאָס האָבן זייער וויכטיג**, אַז דער מענטש זאל טאַקע קענען האָבן די שלימות'דיגע רגש צו דאַנקן דעם רבוש"ע.

דער יסוד איז, אַז אַלע זאַכן וואָס קלאַפּן נישט אין אַ מענטשנ'ס לעבן, **איז בעצם אַ געוואַלדיגע חסד פון דעם רבוש"ע!** דאָס זענען די כלים וויאַזוי צו באַקומען די אמת'ע טוב!

דער רבוש"ע האָט געוואוסט אַז די אַלע פּראָבלעמען גייען מיך העלפן אַז איך זאָל בלייבן אָנגעהאָנגען אין אים. **ווען יעדע זאַך אין מיין לעבן וואָלט געקלאַפּט וואָלט איך געווען ווייט פון דעם רבוש"ע.** איך וואָלט געווען אַ בעל גאוה, איך וואָלט נישט געהאַט קיין הכנעה וענוה, איך וואָלט נישט געדאַווענט צו אים.

אודאי וויל דער אויבערשטער נאר מטיב זיין פאַר יעדן מענטש, אָבער ווען דער מענטש וואָלט אַלעס געהאַט, ער וואלט נישט געהאַט דעם 'וחסרונם', **וואָלט ער נישט געדענקט דעם רבוש"ע**, און דעמאָלט וואָלט ער גאָרנישט געהאַט!

### דאַנקן אויך פאַר די שוועריגקייטן

דאָס הייסט אַז נאָכדעם וואָס דו געדענקסט

אַלע טובות און חסדים פון השי"ת, **לייג צו ביים סוף אויך דעם חלק פון מקבל זיין באהבה אַלעס.** דאָס איז די לעצטע שטיקל וואָס איז משלים דעם בילד אַז מ'זאָל קענען אָנקומען צו אמת'ע התרגשות און שבח והודאה.

דער גרויסער **מגיד פון מעזריטש** זי"ע האָט געזאָגט אויף דעם נוסח פון נשמת 'ועינינו מאירות כשמש וכירח', לכאורה אויב ס'שטייט שוין 'כשמש' איז דאָך זיכער אַז 'כירח'. נאר די פשט איז, אַז מיר דאַנקן דעם אויבערשטן אויף דעם וואָס ער האָט אונז אויך געגעבן אַ ירח'דיגע בליק, **אפילו ווען די ליכטיגקייט איז נישט אַזוי שטאַרק.** ווייל ווען אַ מענטש וואָלט נאר מכיר געווען די אָפּענע חסדים אַזויווי 'שמש', וואָלט ער געווען אינגאַנצן מנותק פון דעם רבוש"ע. מ'וואָלט גאַרנישט מכיר געווען אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער וואָס ער גיט דיר די גוטע השפעות. ס'וואָלט געווען 'וישמן ישורון ויבעט'.

## די סיבה פאַרוואָס מיר לויבן נישט אויף יעדן אָטעם

מיר זעען אַז דוד המלך האָט געזאָגט 'כל הנשמה תהלל ק-ה - על כל נשימה ונשימה תהלל קה'. אָבער **וויפיל מענטשן ווערן נתרגש פון דעם אַז זיי קענען אָטעמען?!** בלויז איינער וואָס האָט חלילה נישט געקענט אָטעמען געהעריג, און השי"ת העלפט אַז ער ווערט אויסגעהיילט, דעמאָלט דערמאַנט ער זיך דעם 'כל נשימה ונשימה תהלל קה'.

אָבער אַ געווענליכער מענטש ווערט מער איבערגענומען ווען דער אויבערשטער האָט אים געהאָלפן און ער האָט באַקומען קמחא דפסחא אויף פסח, הגם ס'איז דאָך אַזאַ נאַרישקייט, **ווי קען מען אפילו צושטעלן געלט צו אָטעמען.** וואָס איז די סיבה? **ווייל דאָרט וואו ס'פעלט אים, דאָרט זעט ער דעם רבוש"ע.**

מ'קען אַמאָל הערן אַ איד זאָגט מיט אַ געוואַלדיגע התרגשות: "ב"ה מיין דריטער בחור'ל, ברענגט מיך אַזויפיל נחת. ממש די שכינה רוהט אויף אים. איך ווייס נישט פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט מיר געגעבן אַזאַ מתנה, ס'קומט זיך מיר נישט. איך דאַנק אַזוי שטאַרק דעם רבוש"ע דערפאַר". פאַרוואָס איז ער אַזוי נתרגש געוואָרן? **ווייל ס'איז 'כירח' - דו פאַרשטייסט אַז ס'איז גאַרנישט אַזוי פשוט די סוגיא פון נחת ביי די קינדער,** דערפאַר ווערסטו אַזוי איבערגענומען! דו געדענקסט דעם פרט זייער גוט ביי נשמת.

דער חלק פון 'ירח' ברענגט אַרויס אַ געוואַלדיגע קרבת אלקים, און דאָס איז גורם אַז ער זאָל טאַקע האָבן אַלעס, ווייל **ס'מאַכט אים הכנעה,** ס'מאַכט אים געדענקען דעם רבוש"ע, און **דאָס ברענגט אים שפּעטער אַ 'טוב הנגלה', מיט אַ קרבת אלקים.** ער דאַנקט אויף אַלעס, ווייל ער איז מכיר אַז אויך די פּראָבלעמען איז אַ חלק פון אַ שלימות'דיגע הטבה וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אים.

## דער 'ועבדום ועינו אותם' האָט אונז געראַטעוועט

דער **שם משמואל** טייטשט אויף דעם נוסח פון 'והיא שעמדה לאבותינו ולנו שלא אחד בלבד עמד עלינו' - אַז דאָס גייט אַרויף אויף דעם פסוק וואָס מ'זאָגט בעפאָר אין דער הגדה: 'ועבדום וענו אותם'.

וויאַזוי זענען מיר געבליבן ערליכע אידן אין מצרים?! וויאַזוי האָבן מיר מצליח געווען צו זיין דבוק אין דעם רבוש"ע?! **ווייל השי"ת האָט געמאַכט אַז די גוים זאלן אונז פייניגן, און דורכדעם זענען מיר געבליבן מופרש ומובדל מהם.** דאָס זאָגט מען: 'והוא שעמדה' - אָט די 'ועבדום ועינו אותם', דאָס איז בייגעשטאַנען פאר אונזערע עלטערן און פאַר אונז, אַז מ'זאָל בלייבן אָפּגעהיטן.

דער שם משמואל פירט אויס אַז דאָס זאָגט מען ווייטער 'אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו והקב"ה מצילנו מידם' - אין יעדן דור ראַטעוועט אונז דער אויבערשטער אַז מ'זאָל זיך נישט אויסמישן מיט די גוים. **אפילו אין אַזעלכע מקומות וואו די גוים ווייזן אַ פנים שוחקות פאר אידן,** העלפט אָבער דער אויבערשטער אַז אידן זעען וויאַזוי די גוים האָבן נאר איין כוונה, אונז צו פאַרלענדן, עשו שונא ליעקב, און אַזוי פּאַסירט אַ 'כמים פנים אל פנים'. דאָס איז גורם אַן הבדלה און אַ פרישה פון די גוים. **דאָס איז די גרעסטע טובה וואָס קען נאר זיין,** און דערפאַר גיט מען דערויף אַ שבח והודאה - והקב"ה מצילנו מידם.

## אַלע צרות ברענגט אונז נאָענטער צום רבוש"ע

און פונקט ווי ס'איז לגבי די אומות העולם, אַזוי אַרבעט עס אויך לגבי דעם מענטש אַליין מיט זיינע שוועריגקייטן. 'והוא שעמדה לנו'. **דורך די אַלע פּראָבלעמען צווינגט דיך דער אויבערשטער צו ווערן אַ איד,** און אַז דו זאָלסט נישט טון קיין נאַרישקייטן.

ווען איינער לעבט אַ חיים מגושמים, אַ לעבן וואָס לויפט אויף קנאה תאוה וכבוד, **לעבט ער דאָך די גרעסטע חיי צער!** מ'דאַרף נישט האָבן קיין אמונה אויף דעם, ס'איז אַ פאַקט. וויפיל מאָל ווערט ער אין כעס?! וויפיל מאָל גיט ער זיך נישט קיין עצה מיט זיין נפש?! אַזאַ סאָרט מהלך החיים פון אַ גשמיות'דיגע לעבן שטימט נישט אפילו מיט אַ חכמת חיים'דיגע בליק, מ'ווערט צעריסן און צעפליקט מיט זיך אַליין, מיט די ווייב און קינדער, און מיט אַלע שכינים, ווייל **אַלעס דרייט זיך אַרום די אייגענע גאווה.** אָבער דער רבוש"ע איז 'מצילינו', ער מאַכט נאָכאַנאַנד **זאַכן וואָס זאָלן דיר שטעלן אין פלאַץ,** אַז דו זאָלסט זיך דערמאַנען דעם אמת.

## ובשבע כלכלתנו; פונקטליך וויפיל איך דאַרף האָבן

דער **חתם סופר** שטעלט זיך אויף דעם נוסח פון נשמת: 'ברעב זנתנו ובשבע כלכלתנו'. מילא 'ברעב זנתנו' פאַרשטייט מען די שבח, אַז דער רבוש"ע האָט מיר געהאָלפן ווען ס'איז געווען אַ הונגער אויף דער וועלט און קיינער האָט מיך נישט געקענט העלפן. אָבער **וואָס איז די שבח פון 'ובשבע כלכלתנו',** ס'איז דאָך סייווי געווען אַ שבע?!

זאָגט דער חתם סופר אַז 'כלכלתנו' איז טייטש, **אַז השי"ת האָט מיר געגעבן פונקטליך וואָס איך דאַרף האָבן,** ווי ס'שטייט אין פסוק: 'ויכלכל יוסף את אביו ואת אחיו לחם לפי הטף', אַז יוסף האָט געגעבן פאַר יעדן פונקטליך וואָס ער האָט געדאַרפט.

ביי נשמת דאַנקט אַ איד דעם רבוש"ע, אַז **אפילו ווען ס'איז געווען אַ גרויסע שבע, אָבער דער אויבערשטער האָט מיר געגעבן מיט אַ געוויעם חשבון,** כדי אַז ס'זאָל נישט זיין קיין 'משלם לשונאיו אל פניו להאבידו'. דער אויבערשטער זאָגט פאַר'ן מענטש: מצד אחד געב איך דיר אַלעס וואָס דו דאַרפסט האָבן, און מצד שני נעם איך דיר גאַרנישט צו פון דיין עולם הבא. **טאַקע אין דעם מצב פון 'שבע'** בין איך דיר מכלכל מיט אַ געוויעם חשבון.

דאָס איז נישט בלויז ביי געלט אַנגעלעגנהייטן, נאר ביי יעדע זאַך אין לעבן. דער רבוש"ע איז מטיב אָן קיין אָפּשטעל, אָבער **צוזאַמען דערמיט איז עס אויך אַן אופן פון 'בשבע כלכלתנו'.** ווען דער מענטש וואָלט מצליח געווען מיט איין פּרט מער, **וואָלט עס נישט געטויגט,** נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט. ווייל ווען ס'פעלט פאַר'ן מענטש, צווינגט אים דאָס צו נאָנט ווערן מיט'ן רבוש"ע און דעמאָלט באַקומט ער די אמת'ע גוטס.

## אַוועקגעבן אַביסל צייט פאר התבוננות בעפּאַר יו"ט

לאָמיר אַריינטראַכטן און זיך באמת מתבונן זיין אין די אַלע יסודות נאָך בעפּאַר יום טוב. מ'קען נישט אַריינלייגן דיין גאַנצע רמ"ח אברים און שס"ה גידים בלויז אין די זאַכן וואָס מ'האָט באַשטעלט אויף יום טוב: "ס'איז שוין אָנגעקומען?! ס'איז נישט די ריכטיגע?! לאָמיר צוריקלויפן עס אויפטוישן". אודאי איז דאָס טעכנישע זאַכן וואָס מ'דאַרף אויך מסדר זיין, אָבער **אויב דו לייגסט אַריין דיין קאָפּ מיט זיין האַרץ אינגאַנצן אין דעם, קענסטו נישט נתרגש ווערן פון דאַנקן,** וואָס דאָס איז די תכלית פון דער מצוה אַז ס'זאָל זיין 'וידעתם כי אני ה'. **האָסט פאַרפאַסט אַ געלעגנהייט.** ווייל פסח בייניאַכט איז מיוחד אויף דעם, אַז דו זאָלסט דאַנקן מתוך התרגשות.

ס'איז ידוע אַז דער **רבינו תם,** ווען ער איז געזיצן און געלערנט, האָט ער געהאַלטן נעבן זיך אַ הויפן פון גאָלדענע רענדלעך, כדי אַז ס'זאָל אים אַריינברענגען אין אַ מצב פון שמחה. אַ מענטש דאַרף זיך ברענגען צו אַזאַ סאָרט אויפגעלייגטע מצב פסח ביינאַכט, **אָבער נישט קיין חיצוניות'דיגע געפיל, נאר טאַקע פנימיות'דיג.**

ווען מען פאַרשטייט באמת אַז דער רבוש"ע גיט אַלעמאָל נאר טובות, און אויך די אַנדערע אומ'בטעמ'טע חלקים איז אויך אַ טובה, **דעמאָלט קען מען דערציילן די מעשה פון סיפור יציאת מצרים מיט התרגשות,** אויף אַן אופן וואָס ס'זאָל משפיע זיין פאַר יענעם, און **אַזוי גייט עס אַריין אין די אייגענע נפש.** עס גייט אַריין אין די לופט פונעם צימער אַז אפילו קליינע קינדער שפּירן דאָס.

אויב זאָגט מען בסך הכל אַ טרוקענע ווארט, אָדער אַ טרעפעליכע גימטריא, ווי שיין ס'זאָל נאר זיין, גייט עס נישט אַריין אין די לופט. אָבער אַ וואָרט **וואָס ווערט געזאָגט פון אַ נפש וואָס איז אָנגעפולט מיט התרגשות פון שבח והודאה להשי"ת, גייט אַריין אין די רמ"ח ושס"ה פון יעדן וואָס הערט דאָס,** עלטערע קינדער און יונגערע קינדער. ווען אַ מענטש איז אונטער אַזאַ איינדרוק פון התפעלות, דעמאָלט קען ער מקיים זיין די מצוות הלילה ווי ס'דאַרף צו זיין!

זאָל דער אויבערשטער העלפן אַז מ'זאָל קענען ריכטיג מקיים זיין דעם פסח און טאַקע ווערן נענטער צום רבוש"ע.

## הגידה לי שאהבה נפשי;

די טיפע אהבה וואָס שיר השירים איז מגלה פאר יעדן איד

ליל שישי חוה"מ פסח תשפ"ד

א

# את האהבה עד שתחפץ; דאָס ליבשאַפט פון השי"ת ווערט נישט פאַרמינערט צוליב אַרומיגע חסרונות

### שיר השירים דערציילט דאָס ליבשאַפט צו אידישע קינדער

אין דעם יום טוב פסח, ווען מען לערנט שיר השירים, זעט מען אין די פסוקים די **טיפע אהבה וואָס דער רבוש"ע האָט צו אַ איד.** און דאָס גיט פאַר'ן מענטש דעם ריכטיגן בליק, צו פאַרשטיין: "וואָס הייסט אַ איד".

צומאָל ווען אַ מענטש קוקט זיך אַליין אָן, האָט ער אַ שטיקל סתירה וואָס איז אומפאַרשטענדליך: וויאַזוי קען זיין אַז דער רבוש"ע האָט מיר אַזוי ליב?! **עפּעס שטימט נישט.** דאָ בין איך נישט אַזאַ מוצלח, דאָ בין איך נכשל געוואָרן מיט עבירות, דאָ איז פאַרהאַן אַנדערע מענטשן וואָס זענען אַסאַך בעסער פון מיר, דאָ האָב איך מצער געווען דעם רבוש"ע, א.א.וו. ווען מ'זאָגט אים אַז דער אויבערשטער האָט אים זייער שטאַרק ליב, הערט ער עס טאַקע. אָבער **ס'איז שווער אַז ער זאָל דאָס אמת'דיג דערהערן און ווערן איבערגענומען דערפון,** ווייל די מציאות וואָס ער קען פון זיך אַליין, איז אַביסל אַנדערש...

אָבער ווען אַ איד איז זיך מתבונן אין די פסוקים פון שיר השירים, פאַרשטייט ער, אַז **אדרבה!** אָפּגעזען פון אַלע פּראָבלעמען וואָס דער מענטש האָט, **ווערט אָבער דער רבוש"ע בכלל נישט איבערגענומען דערפון!** דער רבוש"ע קוקט אויף דעם מהות פון אַ איד! דער רבוש"ע ווייסט וואָס איז דאָס אַ איד. ער ווייסט וואָס איז דאָס אַ נשמה פון אַ איד, ווייל די נשמה איז דאָך אַ חלק כביכול פון השי"ת, 'מאן דנפח מתוכיה נפח'. דער רבוש"ע ווייסט אַז **אַלע חטאים וכדומה, זענען בלויז חיצוניות'דיגע זאַכן,** אָבער ער האָט ליב דעם איד אין יעדן מצב.

### די אהבה בלייבט אייביג, טראָץ אַלע פּראָבלעמען

אין שיר השירים ווערט שטאַרק אַרויסגעברענגט **וויפיל מאָל דער רבוש"ע איז מכפר אויף די עבירות פון אידן.** אפילו ווען זיי האָבן געזינדיגט איינמאָל און נאָכאַמאָל, **אפילו ווען זיי האָבן געטון דאָס אַרגסטע.** דער אויבערשטער זאָגט אָבער אַלעמאָל: **קום, איך וועל דיר העלפן, איך וועל דיך רייניגן, איך וועל דיך אויפהייבן!**

ווען אַ איד דערהערט אַז די אהבה פון דעם רבוש"ע צו אים איז אַן 'אהבה שאינה תלויה בדבר', **איז דאָס מעורר אַ געוואַלדיגע אהבה 'כמים פנים אל פנים'.** דער איד באַקומט אַזאַ אהבה צום רבוש"ע, ווייל ער ווערט אַזוי שטאַרק איבערגענומען וואוסנדיג אַז דער אויבערשטער האָט אים אַזוי ליב.

### די אהבה צו אַלעביידע קבוצות פון אידישע קינדער

אין **ספר השיחות** (פון הגה"ק הריי"צ מליובאַוויטש זצ"ל) ווערט אַראָפּגעברענגט וואָס דער הייליגער **בעל התניא** האָט געהערט פון זיין רבי, דער גרויסער **מגיד** זי"ע, דאָס ערשטע מאָל ווען ער איז אָנגעקומען קיין מעזריטש. דער מגיד האָט איבערגעזאָגט בשם דעם **בעש"ט הק'** אַז אידישע קינדער זענען צעטיילט אין צוויי קבוצות: ס'איז דאָ **די קבוצה פון פּשוט'ע מענטשן וואָס קענען נישט לערנען.** (וואָס אין דעם אַליין איז דאָ אַסאַך דרגות), און ס'איז דאָ **די קבוצה פון 'לומדים'** (וואָס אין דעם אַליין איז אויך דאָ אַסאַך דרגות). און די מצוה פון אהבת ישראל איז, אַז **מ'זאָל ליב האָבן יעדן איד פון ביידע קבוצות,** גלייך אויף גלייך.

האָט דער בעש"ט הק' מסביר געווען: די קבוצה פון אנשים פשוטים, זענען דאָך נעבעכדיגע מענטשן. זיי האָבן נישט דעם חיות פון לומדים און דערהויבענע אידן, **אָבער פונדעסטוועגן דאָך זענען זיי מאמין בה' ובתורתו,** מיט ריינע הערצער און מיט אַ תמימות. מ'דאַרף דאָך האָבן אַזאַ אהבה צו אַזאַ סאָרט איד וואָס האָט נישט קיין שום הרגשה, און **מיט דעם אַלעם דינט ער דעם רבוש"ע!** ער האָט נישט קיין חיות אין אַ דאַווענען, **אָבער ער קומט אין בית המדרש און ער דאַוונט.** ער האָט נישט קיין גרויסע השגות פון חסיד'ישע ספרים אויף אַ יום טוב, **אָבער ער פּראַוועט מצוות אכילת מצה און רייניגט אויס דעם חמץ.** מ'דאַרף זייער שטאַרק ליב האָבן אַזאַ איד, ווייל ער דינט דעם רבוש"ע מיט זיין תמימות.

ווידעראום די קבוצה פון די לומדים דאַרף מען ליב האָבן, ווייל זיי זענען 'גדולים בידיעת התורה'. מ'דאַרף זיי ליב האָבן ווייל זיי זענען גרויס אין ידיעת התורה?! ניין, נישט דערפאַר. נאר ווייל **חז"ל** זאָגן (סוכה נב, א): כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו. קומט אויס אַז די לומדים זענען אויך אַ רחמנות. **דו ווייסט וואָס פאַראַ שרעקליכע יצר הרע זיי האָבן, און דאָך זענען זיי געבליבן אידן?!** דערפאַר דאַרף מען זיי זייער שטאַרק ליב האָבן!

### מחשיב זיין יעדן איד פאר זיין פּריוואַטע מלחמת היצר

די ווערטער פונעם בעש"ט הק' געבן אונז גאָר אַ נייע דערהער אויף די רגשי אהבה וואָס מ'דאַרף האָבן צו אידישע קינדער: **קוק ס'גייט אים שווער, ער מוטשעט זיך און ער פּרובירט צו זיין ערליך.** יעדער איד האָט אַ נקודה וואו ער וויל יאָ זיין גוט און ער פּרובירט צו טון וויפיל ער קען. אָט די נקודה איז דאָך אַזוי ריין און לויטער.

ווען מ'זאָגט פאַר'ן מענטש: האָב ליב אַ איד בלויז ווייל ער איז אַ איד, לאָז אָפּ אַלע זייטיגע זאַכן אַרום און אַרום. קען צומאָל דער מענטש פרעגן: "אָבער וואָס איז מיט יענעם מוצלח וואָס האָט יאָ צו וויזן הצלחות?! ער האָט אַ שטעלע, ער האָט פעאיגקייטן?". דער תירוץ איז, אַז **דאָס איז אויך אַלעס חיצוניות.** זאָלסט וויסן אַז יענער מוצלח און יענער למדן מאַכט אויך מיט. **אוי מאַכט ער מיט!** ער האָט אַסאַך שווערע יצר הרע'ס און ער פּרובירט זיך מתגבר צו זיין. אודאי דאַרפסטו אים ליב האָבן, מחשיב זיין און מעריך זיין.

מיר מוזן אָנהויבן צו אָנקוקן אידן אויף אַזאַ אופן. **לאָז שוין אָפּ זיין אַרומיגע חיצוניות!** קוק אים נישט אָן לויט זיין איצטלא דרבנן'דיגע לבוש. אַסאַך מאָל נוצט מען די שפּראַך, ווען מ'רעדט וועגן שוואַכע, מחוץ למחנה'דיגע סאָרט אידן: "קוק נישט אויף זיין אַרום, ער האָט דאָך אַ נשמה". אָבער דער בעש"ט הק' לערנט אונז אַז **מ'דאַרף דאָס קענען זאָגן אויך אויף אַ איד וואָס איז אָנגעטון מיט די שמונה בגדים;** אויך אויף אַ איד וואָס האָט געלערנט, און ער קומט פון אַ שיינע משפּחה: **קוק נישט אויף די אַלע חיצוניות'דיגע זאַכן! האָב אים ליב ווייל ער איז אַ איד!** וואָס איז ער שולדיג אַז ער איז אַ בנן של קדושים?! וואָס איז ער שולדיג אַז ער איז אַ למדן?! ער איז דאָך אַ איד!... ווען מ'האָט אַזאַ בליק, דעמאָלט באַקומט מען אַן אהבה צו יעדן איד אָן קיין חילוקים, ווייל דאָס איז דער אמת.

### השי"ת לייגט אַלע חשבונות אין אַ זייט

אין שיר השירים זעט מען אַז דער רבוש"ע קוקט טאַקע מיט אַזאַ סאָרט הסתכלות של אהבה אויף יעדן איד. **דער רבוש"ע ווערט בכלל נישט איבערגענומען פון אַלע אַרומיגע זאַכן.** דער אויבערשטער ווייסט זייער גוט די פּנימיות פון יעדן מענטש; ער ווייסט זיין יראת שמים; און ער ווייסט פּונקטליך וויאַזוי דער מענטש פירט זיך אַלע 24 שעה פונעם טאָג, אָבער דער רבוש"ע זאָגט נישט: "איך קען דעם אמת פון דעם מענטש און איך בין אים מרחק". ניין! **דער אויבערשטער ווייסט גוט זיין גאַנצע פּנימיות, און טראָצדעם האָט אים דער רבוש"ע זייער שטאַרק ליב!**

אַמאָל איז דאָ אַ מענטש וואָס ווייסט אַביסל וואָס טוט זיך ביי אַנדערע. ער ווייסט אויף יענעם געוויסע זאַכן וואָס סתם מענטשן ווייסן נישט. **אָבער דער רבוש"ע ווייסט נאָך אַסאַך מער זאַכן וועגן יענעם, און דער איבערשטער האָט יענעם נאָך אַלץ ליב, ווייל ער איז אַ איד!** דער רבוש"ע האָט געהאַט אַסאַך מער צער פון יענעם, אָבער ער לייגט אַלע חשבונות אין אַ זייט, ווייל ער האָט ליב אידישע קינדער.

ב

# כי קולך ערב ומראך נאוה; שיר השירים גיט אונז דעם ריכטיגן בליק אויף יעדן איד, און אויף זיך אַליין

## ליב האָבן אַ צווייטן, ווייל איך בין דאָך אויך אַ איד...

ווען אַ מענטש פאַרשטייט דאָס גוט, דעמאָלט פאַרשטייט ער אַז **כלפי די אהבה פון השי"ת צו אידן, איז נישטאָ קיין חילוק צווישן מיר מיט אַנדערע אידן**, ווייל אַלע אַרומיגע זאַכן זענען נישט מעלה ומוריד. און אויב אַזוי, קען איך זיך פרייען מיט מיין אייגענע מציאות!

דער כלל איז **'ואהבת לרעך' אַזוי 'כמוך'** - מ'קען נישט ליב האָבן אַ צווייטן אויב מ'האָט זיך אַליין נישט ליב ווייל מ'ווייסט נישט אַז מ'איז חביב ביים אויבערשטן. איינער וואָס האָט זיך אַליין פיינט, ווייל ער גלייבט נישט אין די אהבת ה' צו אים, **ווערט דערפון אַ מצב פון 'כל הפוסל במומו פוסל'**: "איך ווייס דאָך וואָס איך בין, און כ'שטעל זיך פאר אַז דער גאַנצער עולם איז אויך אַזוי..."

ס'קען זיין אַז ס'איז טאַקע אמת. אָבער מדה טובה מרובה! **די אַלע אַרומיגע פּראָבלעמען פאַרנעמען נישט קיין אָרט כלפי דעם מציאות אַז דו ביסט אַ איד, און יענער איז אויך אַ איד.** ואהבת לרעך 'כמוך'! אַזוי ווי דער איבערשטער האָט דיך ליב טראָץ אַלע דיינע חסרונות, אַזוי האָט ער ליב אַלע אידישע קינדער. ווען אַ מענטש וואָלט אַזוי געקוקט, **וואָלט ער געווען פרייליך מיט זיך אַליין**, וואוסנדיג אַז השי"ת איז אים מעריך און מחשיב. און ווען דו ביסט צופרידן און פרייליך מיט זיך אַליין, **קענסטו זיין פרייליך מיט אַנדערע**, ווייל דו ווייסט אַז די אַרומיגע מחיצות פון סיי וועלכע חסרונות זענען גאַרנישט מפריד פון אָט די טיפע אהבת ה' לעמו ישראל.

## אַ גרעסערער עושר צוליב אַ קליינע מטבע...

מ'קען דאָס פאַרשטיין מיט אַ משל פון צוויי גרויסע גבירים וואָס האָבן זיך אַמאָל געדינגען ווער פון זיי ביידע איז אַ גרעסערער עושר. **צומאָל איז דאָס איינס פון די צרכים פון אַן עושר, אַז יעדער זאָל וויסן ווי רייך ער איז**, ווייל טאָמער נישט, וואָס האָט ער פון דאָס גאַנצע געלט...

דער ערשטער האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען **וויפיל בנינים** ער האָט אויף דער וועלט, האָט אים דער צווייטער אויפגעוויזן אַז ער האָט אויך אַזויפיל. האָט אים דער ערשטער מסביר געווען **וויפיל שיפן** ער האָט אויפ'ן ים, און דער צווייטער האָט אויסגערעכנט אַז ער האָט אויך די זעלבע צאָל שיפן. זאָגט דער ערשטער: איך וואוין אין **אַ פּראַכטפולע הויז** מיט אַזויפיל שטאָק. זאָגט דער צווייטער: איך האָב אויך די זעלבע סאָרט הויז. פּרובירט דער ערשטער נאָכאַמאָל: איך האָב **צוויי מיליאָן דאָלער מזומנים** אין באַנק וואָס כ'קען יעצט אַרויסנעמען יעדע מינוט. דער צווייטער האָט אָבער אויך דעם סכום מזומנים.

ביז איינער זאָגט פאַר'ן אַנדערן: לאָמיר זען וויפיל געלט יעדער פון אונז האָט יעצט ביי זיך אין קעשענע?! מ'האָט אָנגעהויבן ציילן אַ מטבע נאָך אַ מטבע, ביז ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז איינער האָט פונקט געהאַט אין טאַש אַ מטבע מער פון דעם אַנדערן, און דער יעניגער האָט טרואומפירט: "זעסט, כ'האָב דיר געזאָגט אַז איך בין אַ גרעסערער עושר"...

## מיר זענען אַלע די זעלבע גרויסע עשירים!

ממש גענוי די זעלבע קאָנקורענץ איז דאָ ווען מענטשן קוקן אויף זיך און אויף אַנדערע דורך באַטראַכטן זייערע חיצוניות'דיגע חילוקים.

דו ביסט אַ חלק אלקי ממעל?! **יענער איד איז אויך אַ חלק אלקי ממעל!** פאַר דיר האָט דער רבוש"ע איבערגעגעבן אַ כח אַז ווען דו זאָגסט אַ אידיש וואָרט האָט דאָס אַ השפעה אין אַלע עולמות?! **יענער איד האָט אויך דעם כח!** דו האָסט דעם כח צו קענען ווערן דבוק אין דעם אויבערשטן?! **יענער איד האָט אויך דעם כח!** דו האָסט אַ נשמה וואָס בלייבט נצחי לעתיד לבא?! **יענער איד האָט אויך אַזאַ נשמה!**

אָה, ביז מ'קומט אָן צו אַ חילוק, אַז דיין בחור לערנט אָבער אין אַ ישיבה וואָס איז אָפּציעל אויף אַ העכערע שטאַפּל... ער האָט אים געכאַפּט מיט עפּעס וואָס ער איז מער... **מ'מאַכט זיך נאַריש!?** באמת?! כלפי דאָס מציאות און די מהות פון אַ אידיש קינד איז דאָס בכלל נישט אַ זאַך וואָס מ'קען אפילו נעמען אין באַטראַכט.

## לערנען שיר השירים צו באַקומען דעם אמת

אין דעם יום טוב פסח איז עס ממש אַ דבר בעתו ובזמנו אַז **אַ מענטש זאָל לערנען אַביסל די רש"י'ס פון שיר השירים, און די טייטש פון די ווערטער.** ס'איז דאָך אַזאַ לימוד קודש קדשים וואָס האָט אַ מורא'דיגע מעסעדזש ווי דער רבוש"ע רעדט וועגן אַ איד, אָפּגעזען פון אַלע זייטיגע נאַרישקייטן.

> איך האָב געטראָפן נאָך אַ אידיש קינד וועמען דער רבוש"ע האָט אַזוי ליב'

מיר קוקן אַסאַך מאָל אָן אַ מענטש אַז "יענער איז אַזאַ נעבעך'. אָבער **דער בעש"ט הק' האָט געזאָגט וועגן די נעבעך'ס**, אַז מיר קוקן עס נישט אָן ריכטיג. **קוק וויאַזוי דער אויבערשטער קוקט עס אָן!** וועסטו האָבן אַן אַנדערע בליק אויף זיך אַליין און אויף אַנדערע.

מענטשן גייען אַרום טראַכטנדיג אויף זיך זעלבסט: "איך בין ממש אַ לא יצלח", ווייל ער מעסט זיך אַליין אָפּ מיט זאַכן וואָס זענען אַזעלכע שטותים, כלפי דעם ריכטיגן אמת וואָס דער מלך מלכי המלכים טראַכט וועגן אים. **דו לעבסט נישט מיט'ן מציאות**, ווייל דו האָסט נישט דעם אמת'ן בליק.

## אהבה גייט אויטאָמאַטיש אויף צוריק

און ווען מ'איז יאָ זוכה צו דערהערן די אהבה פון שיר השירים, **ברענגט דאָס 'כמים פנים אל פנים' אַ מורא'דיגע אהבה צום רבוש"ע.** די גאַנצע שיר השירים איז געבויעט אויף דעם אופן, אַז **כנסת ישראל ברענגט אַרויס די שבח פון 'דודי'**, און **דער רבוש"ע זאָגט די שבח פון 'רעיתי'.** און דאַן זאָגט כנסת ישראל אויף צוריק: רבוש"ע, די שיינקייט וואָס דו זאָגסט אויף מיר, דאָס איז אויך דיינס! ווייל אהבה אַרבעט אויף אַזאַ סאָרט אופן, אַז ס'גייט אויך אויף צוריק.

מ'קען דאָס אַמאָל זען ביי אַ מגי"ש אין ישיבה, וואָס ער האַלט אויף אַ געוויסן בחור אַז יענער איז דער חשוב'סטער בחור אין ישיבה, ווען באמת, לגופו של דבר, איז עס נישט ממש אַזוי. עס זענען דאָ בחורים מיט מער תורה ויראת שמים. אָבער פאַרוואָס שפּירט דער מגי"ש יאָ אַזוי?! **ווייל דער תלמיד גיט אים גאָר אַ שטאַרקע געפיל פון הכנעה און הקשבה מיט אַ געוואַלדיגע ערנסטקייט**, דעריבער באַקומט דער מגי"ש די הרגשה אַז דאָס איז זיין בעסטער תלמיד. ווען מען איז אמת'דיג מעריך איינעם, שפּיגלט זיך דאָס אָפּ אויף צוריק. אהבה און הערכה גייט אויף ביידע וועגן.

## די מתנה פון לעבן שיר השירים'דיג

ווען אַ איד הייבט אָן געדענקן ווי שטאַרק חביב ער איז ביים אויבערשטן, זאָגט דער איד: "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך" - **איך האָב דיר ליב רבוש"ע!** איך קען נישט גלייבן דיינע חסדים צו מיר! **אַזאַ איד וויל אַלעמאָל דאַנקן השי"ת**, ער וויל לערנען, ער וויל טון אַ חסד מיט אַ צווייטן, ווייל ער לעבט מיט דעם ליכטיגן אמת!

לאידך גיסא, ווען אַ מענטש איז צעקלאַפּט ביי זיך, ווייל דאָ האָט ער געהאַט אַ דורכפאַל און דאָרט איז ער נישט אַזאַ מוצלח. ער קוקט זיך אָן מיט אַ מעסטער קעגן אַנדערע, און ער ווערט צעבראָכן. אויב אַזוי זאָגט ער: רבוש"ע, ס'גייט אויףביידע וועגן, דו האסט מיר נישט ליב איז ח"ו... ער זאָגט עס נישט אַרויס, **אָבער דאָס איז זיין הרגשה.** און ס'איז סתם שקר! ווער האָט דיר דאָס איינגערעדט?!

די אהבה וואָס ליגט אין די פּסוקים פון שיר השירים, איז דער לימוד וואָס אַ איד דאַרף אַרויסנעמען פון דעם יום טוב. **ער זאָל אַלעמאָל געדענקן דעם אמת**, אַז יום טוב, ווען ער איז געווען נאָנט מיט'ן רבוש"ע, האָט ער דעמאָלט געלערנט די בליק וויאַזוי דער אויבערשטער קוקט אויף אים. **שיר השירים האָט אים דערציילט וויאַזוי ער זאָל זיך אַליין אָנקוקן.** דער רבוש"ע וויל האָבן געזונטע פריילּיכע אידן, וואָס זענען זיך אַליין מעריך. דער איד איז זיך נישט מעריך מיט זיין חיצוניות, נאר **מיט דעם וואָס ער האָט זוכה געווען צו טון אַ מצוה היינט**, מיט דעם וואָס ער האָט זוכה געווען צו זאָגן אַ וואָרט תורה און תפלה, **מיט דעם וואָס ער איז אַ איד!**

און ווען ער גייט אַרום זייער פריילּיך מצד זיין פּנימיות, גיט ער דאָס אויך איבער פאר אַנדערע. ווען ער טרעפט אַ צווייטן איד, גיט ער אים אַ גוט וואָרט: **איך האָב געטראָפן נאָך אַ אידיש קינד וועמען דער רבוש"ע האָט אַזוי ליב.** אין די טעג פון יום טוב איז דער זמן צו איינזאַפּן אָט דעם אמת אין אונזערע ביינער, כדי אַז ס'זאָל אונז באַגלייטן אין אַלע סאָרט מצבים.

# שביעי של פסח

## משה ובני ישראל לך ענו שירה;

די נצחיות'דיגע געזאַנג פון שירת הים

יום רביעי בשלח, י"ד שבט תשפ"ד

א

# ימינך ה' תרעץ אויב; פאַרוואָס מאַכט מען אַזאַ עסק פון דער 'מפּלתן של רשעים'?!

### דאָס גרויסקייט פון זאָגן שירת הים בשמחה

אין ספה"ק **בית אהרן** ווערט געברענגט בשם דעם **אריז"ל** אַז ווער ס'זאָגט שירת הים בשמחה יעדן טאָג איז זוכה צו אַ געוואַלדיגע **'שלימות הנפש'**. די שירה וואָס מ'זאָגט ביים דאַווענען, האָט אַ כח צו משלים זיין דעם נפש פונעם מענטש.

דער **משנה ברורה** (או"ח נא ס"ק יז) ברענגט אַראָפּ פון **ספר חרדים** אַז ווער ס'זאָגט שירה מיט די ריכטיגע שמחה איז 'מוחלין לו עוונותיו'. אין **זוהר הק'** פרשת בשלח שטייט אַז ווער ס'זאָגט שירה בעולם הזה וועט ער זוכה זיין צו זאָגן שירה בעולם הבא.

ווען מ'זעט אין די ספרים הק' אַזעלכע שטאַרקע לשונות, ווי הויך אַ מענטש קען צוקומען דורכדעם וואָס מ'איז זוכה צו זאָגן די שירה מיט די ריכטיגע כוונה און שמחה, **דאַרף מען אַביסל לערנען וואָס מ'זאָגט אין דער שירה.** ווייל אַז מ'ווייסט וואָס מ'רעדט, קען מען דאָס פּרובירן צו טון מער ריכטיג, און מ'קען בעז"ה זוכה זיין צו באַקומען אָט די מורא'דיגע שלימות הנפש.

### אַלע שירות זענען באַזירט אויף מפלתן של רשעים

דער **זוהר הק'** זאָגט אַז די תכלית פון דער שירת הים איז **צו דאַנקן אויף די מפּלה פון די רשעים.** אייגנטליך קען מען דאָס טאַקע זען פון די פּירוש המלות אין אַלע פּסוקים אין דער שירה, וואָס באַציען זיך בעיקר אויף די מפּלה פון די רשעים.

נאָכמער: **חז"ל** (תרגום יונתן שה"ש א) רעכענען אויס 'עשרה שירים' - צען שירות וואָס אידן האָבן געזאָגט פאַר'ן אויבערשטן. און אַז מ'וועט זיך מתבונן זיין וועט מען זען אַז אַלע שירות זענען מיוסד אויף דעם ענין פון 'מפלתן של רשעים'.

די **ערשטע שירה** איז געווען דורך **אדם הראשון** וואָס האָט געזאָגט **'מזמור שיר ליום השבת'**. ער זינגט צום רבוש"ע 'טוב להודות לה'', און ער ברענגט אַרויס **'בפרוח רשעים כמו עשב, ויציצו כל פועלי און להשמדם עדי עד'** - די רשעים וועלן בטל ווערן מיט אַ שטאַרקע מפּלה.

די **צווייטע שירה** איז די **שירת הים**, וואָס די גאַנצע פּירוש המלות איז מיוסד אויף די מפּלה פון מרכבות פּרעה וחילו, און וויאַזוי זיי זענען אינגאַנצן בטל געוואָרן פון דער וועלט.

די **דריטע שירה** איז די **שירת הבאר** אין פּרשת חוקת - **אז ישיר ישראל, עלי באר ענו לה.** ווי רש"י ברענגט דאָרט פון חז"ל אַז אידן האָבן געזאָגט שירה צוליב דעם גרויסן נס ווען די צוויי בערג האָבן זיך פאַראייניגט און ס'האָט אומגעברענגט אַלע וואָס האָבן געוואָלט שלעכט טון פאַר אידישע קינדער. דערנאָך האָט השי"ת געזאָגט: **'מי מודיע לבני הנסים הללו'** און דער בארה של מרים האָט געברענגט פאר אידן די דם און די אברים פון די הרוגים, **'וישראל ראו ואמרו שירה'.**

די **פערטע שירה** איז שירת האזינו, וואָס ענדיגט זיך מיט'ן פּסוק: **הרנינו גוים עמו, כי דם עבדיו יקום ונקם ישוב לצריו.** דער רבוש"ע וועט נעמען די אומות און ער וועט זיי מאבד זיין מן העולם און ווען אידן וועלן דאָס זען וועלן זיי זינגען שירה אַז זיי האָבן אַזויפיל מיטגעמאַכט אין גלות, אָבער זיי האָבן געגלייבט און געוואוסט אַז דער אויבערשטער וועט צום סוף נקמה נעמען פאר זייער בלוט - **כי דם עבדיו יקום!**

דאָס זעלבע געפינט מען ביי די אַנדערע שירות: די **שירה פון דבורה** (שופטים ה, א), איז מיוסד אויף די מפּלה פון רשעים. די **שירה פון חנה** (שמואל א' ב) דערמאַנט די מפּלה פון די רשעים. די **שירה פון דוד** (תהלים יח) איז **'ביום הציל ה' אותו מכף כל אויביו'**, און די לעצטע שירה וועט זיין **לעתיד לבא**, ביי דער מפּלה פון **גוג ומגוג.**

ס'איז נאָר דאָ איין שירה וואָס איז טאַקע אַנדערש. דאָס איז **'שיר השירים'** וואָס איז נישט באַזירט אויף מפּלה פון רשעים. חז"ל זאָגן טאַקע אַז אַלע שירים זענען קודש און שיר השירים איז קודש קדשים. שיר השירים איז מיוסד אויף אַ העכערע דרגא פון דביקות. עס רעדט איבער די גאָר טיפע אהבה וואָס איז דאָ צווישן כנסת ישראל מיט'ן רבוש"ע. דאָס איז ווי אַ שטאָק העכער. אָבער **אַלע אַנדערע שירים ברענגען יאָ אַרויס די נקודה אַז די רשעים האָבן געכאַפּט אַ שטאַרקע מפּלה,** און וויאַזוי דער רבוש"ע האָט נקמה גענומען ביז זיי זענען פאַרלוירן געוואָרן פון דער וועלט.

### די פּירוש המלות פון דער גאַנצער שירה איז מפלת הרשעים

ווען מ'זעט אַז דאָס ענין פון 'מפלתן של רשעים' חזר'ט זיך איבער אין אַלע שירים, פאַרשטייט מען אַז **דאָס איז די עצם מהות פון שירה,** נישט בלויז דאָ ביי דער שירת הים. דאָס גיט אונז אן אַנדערע בליק אָפּצולערנען די פּסוקים, ווי מ'זעט טאַקע אַז ממש יעדע פּסוק רעדט וועגן די מפּלה פון די רשעים. די שירה הייבט זיך גלייך אָן: **אשירה לה'!** פאַרוואָס?! ווייל: **כי גאה גאה, סוס ורוכבו רמה בים!**

דאָס חזר'ט זיך ווייטער איבער: **ה' איש מלחמה,** דער רבוש"ע איז לוחם מיט די רשעים. **מרכבות פּרעה וחילו ירה בים וכו'.** דערנאָך זאָגט מען ווייטער: **'ימינך ה' נאדרי בכח'.** וואָס איז די געוואַלדיגע כח פון השי"ת?! אַז **'ימינך ה' תרעץ אויב'!**

ממש יעדע פּסוק רעדט וועגן די מפּלה פון די רשעים: **וברוב גאונך תהרוס קמיך תשלח חרונך יאכלמו כקש.** זיי האָבן געכאַפּט אַזעלכע מכות ביז זיי זענען בטל געוואָרן. דער פּסוק פאַרציילט אַז: **אמר אויב ארדוף אשיג אחלק שלל תמלאמו נפשי אריק חרבי תורישמו ידי.** אָבער די אויספיר איז געווען: **נשפת ברוחך כסמו ים צללו כעופרת במים אדירים.**

די שירה ענדיגט זיך אויך מיט מפלתן של רשעים, ווען מ'דערמאַנט די פּחד וואָס האָט אָנגעכאַפּט אַלע אַנדערע אומות: **אז נבהלו אלופי אדום, אילי מואב יאחזמו רעד, נמוגו כל ישבי כנען, תפול עליהם אימתה ופחד.**

## וואָס איז טאַקע פּשט דערפון?!

די גרויסע שאלה וואָס פרעגט זיך איז: דאָס איז טאַקע די נושא?! ביי קריעת ים סוף זענען דאָך אידישע קינדער געראַטעוועט געוואָרן ממות לחיים! **דער רבוש"ע האָט זיי געמאַכט די שטאַרקסטע שידוד מערכות אין דער בריאה!** אידן האָבן געזען 'חמישים ומאתיים ניסים על הים' שלא כדרך הטבע! **וועמען גייט יעצט אָן די מצריים?!** וואָס איז דאָס יעצט נוגע?! **פאַרוואָס איז מען ווייטער פאַרנומען מיט די רשעים?!** ביסט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, פאַרגעס פון זיי און גיי ווייטער!

ס'איז דאָ אַזויפיל זאַכן וואָס מ'קען אַרויסברענגען ביי שירה: דער רבוש"ע האָט אונז אַרויסגענומען מעבדות לחירות, ער האָט אונז מציל געווען פון אַ זיכערן טויט! לכאורה וואָלט מען געדאַרפט אַריינלייגן אָט די אַלע הרגשי הלב פון דעם מורא'דיגן נס, און נישט אַזויפיל רעדן פון דער מפלה פון די רשעים.

## מ'דערמאַנט בכלל נישט דעם נס פון הצלתן של ישראל

אייגנטליך איז דאָ אין דער גאַנצער שירה נאר איין פסוק וואָס דערמאַנט דעם נס וואָס איז געשען מיט אידישע קינדער: **וברוח אפיך נערמו מים נצבו כמו נד נוזלים קפאו תהומות בלב ים.** אפילו די אַנדערע פּסוקים, וואָס רעדן נישט וועגן די מצרים, **דערמאַנען אויך בכלל נישט דעם נס וואָס אידן האָבן געהאַט.** די פּסוקים רעדן וועגן דעם גילוי אלקות וואָס האָט פּאַסירט ביי קריעת ים סוף, און וועגן דעם עתיד פון אידישע קינדער: **תביאמו ותטעמו בהר נחלתך** - דער רבוש"ע גייט אונז אַריינברענגען צום בית המקדש אין ארץ ישראל.

לכאורה וואָלט אַ איד געדאַרפט בלויז זיין פאַרנומען צו זינגען און זאָגן פאַר'ן אויבערשטן: איך דאַנק דיך! **איך לויב דיך אַז דו האסט מיך געראַטעוועט!** האסט מיך נישט פאַרלאָזט! איך בין מכיר אַז דו ביסט אַ רחום וחנון! דו האסט מקיים געווען דיין הבטחה! אָבער דערווייל רעדט מען אפילו נישט פון דעם חלק.

אודאי ליגט דאָ באַהאַלטן גאָר טיפע סודות התורה, אָבער מ'דאַרף פאַרשטיין אויך די פּשוט'ע פּירוש המילות. בפרט אַז מ'זעט וויאַזוי **אַלע שירים זענען מיוסד אויף דעם זעלבן ענין פון 'מפלתן של רשעים'.** דאָס צייגט אונז, אַז דאָס איז דער מהלך פון שירה. די שאלה איז נאָר: **פאַרוואָס טאַקע איז דאָס דער אופן פון זאָגן שירה פאַר'ן רבוש"ע?!**

## נקמה איז נישט קיין אידישע געפיל

מ'קען פרעגן די שאלה פון נאָך אַ קוק ווינקל: לכאורה, פאַרוואָס פריידט מען זיך אַזוי שטאַרק מיט די מפלה פון רשעים?! **פאַרוואָס איז מען מעורר די הרגשים פון נקמה?!** געווענליך איז די אידישע געפיל אַז ער וויל נישט בויען די הרגשים פון נקמה, נאָר **ער וויל ענדערש בויען די הרגשים פון קרבת אלקים.** ער וויל דערציילן פאר יעדן דעם שבח פון השי"ת, אַז דער אויבערשטער האָט מיר יעצט געהאָלפן! ווי עס גייט דער ניגון: "ווען איך וואָלט געהאַט כח, וואָלט איך געלאָפן אין די גאַסן"... און ווי **חז"ל** (מובא ברש"י) זאָגן אַז דאָס איינס פון די טייטשן פון 'זה קלי ואנוהו' - **אספר נויו ושבחו לבאי עולם!**

אַ איד וויל דערציילן דעם שבח פון דעם רבוש"ע, שיחו בכל נפלאותיו, ווי מ'זאָגט אין דעם קאַפּיטל פון הודו ערב שב"ק וויאַזוי אַ איד דאַנקט דעם אויבערשטן אויף אַלע חסדים וויאַזוי ער האָט אים געראַטעוועט. אין ספה"ק **מאור עינים** (בשלח) שטייט אַ קבלה'דיגע טעם פאַרוואָס דער **בעש"ט הק'** האָט מייסד געווען צו זאָגן דעם קאַפּיטל ערש"ק פאר מנחה. אָבער ס'האָט אויך אַ פּשוט'ע הסבר, אַז **ווען דער מענטש שטייטביים ענדע פון דער וואך, דאַנקט ער דעם אויבערשטן** אַז השי"ת האָט אים אַרויסגענומען פון אַלע סאָרט ענגשאַפּט.

מען פירט טאַקע אויס דעם קאַפּיטל פון הודו: **יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם, וירוממוהו בקהל עם ובמושב זקנים יהללוהו.** - איך וויל פאַרציילן פאר יעדן אַז השי"ת האָט מיר געהאָלפן! אַזוי זעט מען אויך אין די קאַפּיטלעך תהלים פון הודאה, וואו אַ איד זאָגט: **איך וויל מפרסם זיין שמו של הקב"ה אויף דעם וואָס ער האָט געטון מיט מיר אַזויפיל גוטע זאַכן** - אודה ה' בכל לבב בסוד ישרים ועדה.

אויב אַזוי, שטעלט זיך די שאלה: **פאַרוואָס אַרבעט די שירה אַנדערש?!** וואָס איז די הסבר אַז דאָ רעדט מען בעיקר פון די מפלתן של רשעים?!

ב

# וברוב גאונך תהרוס קמיך; די מורא'דיגע שמחה פון 'ביטול הרע', ווייל דאָס איז מגלה כבוד מלכות ה'

## די מפלה פון רע - איז די תכלית הבריאה

די תשובה אויף דער שאלה, זענען די ספרים הק' מסביר, ווייל די שמחה פון 'מפלתן של רשעים' איז בעצם **די גרעסטע שמחה אויף דער וועלט.** צוליב דעם וואָס ס'איז די תכלית הבריאה.

ווען אַ פּריוואַטער מענטש האָט געהאַט זיין צרה און ער איז ניצול געוואָרן, לייגט ער טאַקע זיין עיקר דגוש צו דאַנקן אויף זיין אייגענע הצלחה - **מן המיצר קראתי קה, ענני במרחב קה.** איך בין געווען אין אַ צרה און השי"ת האָט מיר געהאָלפן! **אודך כי עניתני** - איך האָב געשריגן 'אנא ה' הושיעה נא' און דו האסט מיר געראַטעוועט, **ותהי לי לישועה! אכן שמע אלוקים הקשיב בקול תפילתי.**

אָבער ווען ס'קומט צו זינגען די שירים וואָס איז געזאָגט געוואָרן דורך כלל ישראל, **ברענגט מען אַרויס אַ העכערע סאָרט מורא'דיגע שמחה.** מען דאַנקט דעם אויבערשטן אַז **די תכלית הבריאה איז נתקיים געוואָרן**, און דאָס פּאַסירט דוקא דורך די מפלה פון די רשעים.

## דאָס התרגשות אַז "השי"ת האָט ערפילט מיין תשוקה"

כדי אַביסל בעסער צו דערהערן פאַרוואָס דאָס איז ממש די תכלית הבריאה, לאָמיר מקדים זיין אַ כלל:

ווען אַ מענטש האָט אַ צמאון און אַ תשוקה אַז עפּעס אַ זאַך זאל פּאַסירן, נעמט דאָס אים איבער ביז די טיפע נקודות פון זיין נפש. און שפּעטער, ווען דער רבוש"ע העלפט און זיין בקשה ווערט טאַקע ערפילט, **ווערט דער מענטש זייער שטאַרק נתרגש און נתפּעל מיט אַ שמחה.** און דאָס מאַכט אים אויסטערליש דאַנקבאַר פאַר'ן אויבערשטן, נאָכמער ווי די ישועה אַליין.

דאָס הייסט אַז אין צוגאָב דערצו, וואָס ער איז צופרידן אַז די זאַך איז נתקיים געוואָרן און ער דאַנקט דעם רבוש"ע אויף דעם ענין אַליין, צום ביישפּיל אַז ער האָט ב"ה געהאַט אַ קינד נאָך אַזויפיל יאָר; ער האָט ב"ה געטראָפן אַ שידוך ער איז ב"ה געזונט געוואָרן, א.ד.ג. ברענגט דער איד אַרויס אַ **באַזונדערע הודאה אַז דער רבוש"ע האָט געהערט זיין תפלה** און ער האָט ערפילט זיין תשוקה וואָס האָט אים געפעלט.

## די גרויסע הודאה אויף דעם חסד פון 'וממצוקותיהם יושיעם'

ווען אַ איד האָט זיך לאַנג געמוטשעט אויף אַ געוויסע נושא, ער האָט אַזויפיל יאָר געבעטן, און למעשה האָט דער רבוש"ע צוגעהערט זיין תפלה און ס'איז נתמלא געוואָרן זיין תשוקה, **דאַנקט ער ספּעציעל אויף דעם חלק!** ער האָט אַ מיוחד'יגע תענוג פון דעם פאַקט אַז זיין תשוקה איז נתמלא געוואָרן און ער דאַנקט דערויף.

ווען אַ יונגערמאַן האָט באַקומען אַ דירה זייענדיג אַכצן יאָר אַלט, ווייל די מחותנים האָבן דאָס אַליין מסדר געווען צווישן זיך, נאָך איידער ער האָט אפילו געטראַכט דערוועגן, קען ער טאַקע דאַנקן דעם אויבערשטן אַז ער האָט אַ דירה, אָבער **ער קען נישט דאַנקן מיט דעם געפיל אַז השי"ת האָט אים ממלא געווען אַ חסרון**, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געשפּירט די הרגשה פון 'מן המיצר קראתי קה', און דערנאָך די דערלייכטערונג פון 'ענני במרחב קה'. ער האָט נישט דעם חלק פון הודאה!

אָבער שירה איז יאָ געבויעט אויף דעם מהלך, אַז דער מענטש איז געווען אין אַ מצוקה, ער האָט געדאַוונט און ער איז געהאָלפן געוואָרן! די גאַנצע הודו וואָס מ'זאָגט ערב שבת איז טאַקע געבויעט אויף אַזאַ נוסח: **נפשם בהם תתעטף, ויצעקו אל ה' בצר להם** - איך בין געווען אין אַ צער, ס'האָט מיר געפעלט מיינע צרכים, כ'האָב משתוקק געווען

און כ'האָב זיך געוואָנדן צום רבוש"ע, און ער האָט מיך געהאָלפן, **וממצוקותיהם יושיעם!** איך דאַנק דערויף!

## וויפיל גרעסער די תשוקה, אַזויפיל גרעסער די שמחה

דער מענטש דאַנקט נישט יעצט כאילו ער וואָלט דאָ באַקומען צוויי אייניגע זאַכן פון השי"ת, נאר **די חלק פון 'מילוי משאלותיו' ברענגט אים נאָך אַ גרעסערע התפעלות ווי די ישועה וואָס ער האָט באַקומען.** ווי טיפער ס'איז געווען די תשוקה צו געהאָלפן ווערן, אַזויפיל מער איז די תענוג און די שמחה שפּעטער ווען זיין בקשה איז נתמלא געוואָרן! **דאָס נעמט איבער דעם מענטש אַסאַך מער ווי די ישועה אַליין.**

מ'קען דאָס זען אויף אַסאַך סאָרט אופנים. צום ביישפּיל, ווען אַ איד האָט געוואַרט אויף קינדער צוואַנציג יאָר, און השי"ת האָט אים געהאָלפן מיט אַ קינד. ווען ס'גייט אַריבער עטליכע חדשים, פאַרגעסט ער אודאי נישט צו דאַנקן אויף דאָס קינד, אָבער **למעשה איז עס שוין נישט אַזאַ שמחה ווי גלייך אין אָנהויב.** אָבער ווען ער דערמאָנט זיך וויאַזוי השי"ת האָט אויסגעהערט זיין תפלה און ממלא געווען זיין בקשה, **איז דאָס אַסאַך אַ טיפערע הרגשה פון שירה און דאָס בלייבט ביי אים שטאַרקער און אַסאַך לענגער.** ער בלייבט אויך שפּעטער אַזוי נתרגש, ווען ער טראַכט אַריין וויאַזוי דער רבוש"ע האָט אים געהאָלפן.

## די מורא'דיגע שמחה ווען די תשוקה פון דער בריאה ווערט נתקיים

ביז יעצט האָט מען גערעדט וועגן די **פריוואַטע בקשות און ענינים** וואָס אַ מענטש בעט דעם רבוש"ע, אַז דער אויבערשטער זאָל אים אַריינשיינען און ליכטיג מאַכן. און נאָכדעם ווען ס'ווערט נתקיים די תכלית אויף וואָס דער מענטש האָט געבעטן, איז **די צווייטע חלק פון הודאה אַסאַך טיפער, אויף דעם וואָס זיין תשוקה איז ערפילט געוואָרן.**

דאָס אַלעס איז אמת **אפילו ווען ס'איז די רעדע פון אַ פּרטיות'דיגער מענטש**, וואָס ער איז געהאָלפן געוואָרן מיט אַ פּרטיות'דיגע ענין וואָס איז נוגע נאר פאַר אים. אָבער ס'איז אַ 'כל שכן' אַז דאָס איז אודאי אַסאַך מער אמת, **ווען ס'איז די רעדע פון דער עיקר תשוקה און תכלית פון דער גאַנצער בריאה!** ווען מ'רעדט פון אַ תשוקה וואָס די בריאה האָט געהאַט, און ס'איז נתקיים געוואָרן, דעמאָלט איז זיכער דאָ אַ מורא'דיגע שמחה פון 'ישמח ה' במעשיו'!

די גאַנצע בריאה דאַנקט און זינגט, **ווייל די בריאה איז דאך באַשאַפן געוואָרן פאַר דעם תכלית,** און אַז די תכלית איז אָנגעקומען, טאַנצן און זינגען זיי אַלע.

## די תכלית פון דער וועלט איז: ביטול כוחות הרע

דער רבוש"ע האָט באַשאַפן רשעים, אַז זיי זאָלן זיין אַ מרכבה פאר דעם ענין פון 'רע' אויף דער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה מה, ז): **יוצר אור ובורא רע**, און דער תפקיד פון דעם רע איז, אַז ס'זאָל מסתיר זיין די גילוי אלוקות פון דער בריאה.

לאידך גיסא, האָבן אידישע קינדער באַקומען דעם תפקיד **אַז זיי זאָלן אַראָפּנעמען דעם הסתר**, כדי אַז ס'זאָל נתגלה ווערן אַז דער רבוש"ע פּירט די וועלט. **מ'זאָל דאָס קענען זען און שפּירן**, מ'זאָל קענען אַרויסגיין פון די כלים פון דער ידיעה אַז ס'איז דאָ באַשעפער אין יעדן פּרט פון דער בריאה.

**אָט דאָס איז דער תכלית הבריאה.** און ווען דאָס פּאַסירט, איז די וועלט אָנגעקומען צו איר תכלית! אַלע שוועריקייטן וואָס מענטשן גייען דורך אין אַלע דורות, און אַלע ביליאָנען פּרטים וואָס טוט זיך אָפּ אויף דער וועלט, **אַלעס דרייט זיך אַרום אָט דעם תכלית**, אַז ס'זאָל נתגלה ווערן דער כבוד מלכותו אויף דער וועלט.

## די מפּלה פון רשעים ברענגט אַרויס די מלכות פון השי"ת

אויב אַזוי, איז דאך אַ פּשוט'ע חשבון: אַז ווען די רשעים באַקומען אַ מפּלה, איז די משמעות דערפון, נישט בלויז אַז זיי זענען געשטאָרבן און פאַרלוירן געוואָרן, **דאָ איז געשען אַסאַך אַ טיפערע באַדייט:** אַז יעצט איז נישטאָ קיין כלים אויף דער וועלט פאר רע, און **דאָס מיינט אַז ס'ווערט נתגלה כבוד מלכותו!**

ווייל באמת דאַרף מען נישט גיין אַרויסשלעפּן און מגלה זיין דעם אויבערשטנס מלוכה. **דער כבוד מלכותו געפינט זיך איבעראַל!** מ'דאַרף דאָס נישט אַנטפּלעקן. ס'איז נאָר דאָ אַ זאַך וואָס שטערט און איז מסתיר דעם כבוד ה'. דאָס זענען די אומות העולם און די רשעים. **ווילאַנג זיי זענען דאָ אויף דער וועלט קען מען נישט באַמערקן דעם כבוד מלכותו.** אָבער ווען זיי ווערן פאַרלוירן, **ווערט אויטאָמאַטיש נתגלה דעם כבוד ה'.** און ווען דאָס פּאַסירט, גייט די שמחה אַרויס פון אַלע גרעניצן. ס'איז אַ שמחה ביז'ן הימל און נאָך אַסאַך מער ווי ביז'ן הימל.

פאַרוואָס איז די שמחה אַזוי גרויס?! ווייל דער ספר העקרים איז מסביר אַז **די נקודה פון שמחה געשעט ווען אַ תשוקה פון דעם מענטש איז ערפילט געוואָרן.** וויפיל לענגער מ'האָט געוואַרט אויף די תשוקה, וויפיל טיפער און שטאַרקער די תשוקה איז געווען, אַזויפיל טיפער און גרעסער איז די שמחה.

קומט אויס, אַז ווען ס'קומט אַרויס די עיקר תשוקה פון דער גאַנצער בריאה, איז דאָס **די גרעסטע שמחה און די גרעסטע שירה** וואָס קען נאר זיין!

## די גאַנצע שורה רעדט פון די צוויי יסודות

דערפאַר זעט מען טאַקע אַז די פּסוקים פון שירת הים רעדן וועגן אָט די צוויי ענינים. רוב פּסוקים איז מיוסד **אויף די מפּלה פון די רשעים** און די אַנדערע פּסוקים דערמאַנען **דעם גרויסן גילוי כבוד מלכותו וואָס איז דעמאָלט געשען.** ס'איז בכלל נישט וויכטיג יעצט צו רעדן פון דעם חלק אַז 'איך בין גערעטעוועט געוואָרן'. **דאָס איז נישט די נאָמען פון דער מעשה!** דאָ איז געשען גאָר אַן אַנדערע און אַסאַך אַ גרעסערע זאַך: **ס'איז בטל געוואָרן די רע וואָס שטערט דעם אויבערשטנס כבוד אויף דער בריאה.**

דאָס שטייט ממש וואָרט ביי וואָרט אין דער שירה: **אשירה לה' כי גאה גאה, סוס ורוכבו רמה בים** - און דורכדעם בין איך משיג דעם רבוש"ע אַז **עזי וזמרת קה ויהי לי לישועה, זה קלי ואנוהו.** ס'איז אַרויסגעקומען דער גילוי כבוד מלכותו פון דעם אויבערשטן! איך בין אים מכיר, איך דאַנק אים אויף דעם וואָס כ'קען זאָגן 'זה קלי ואנוהו'!

אַזוי פאַרציילט מען ווייטער באריכות, וויאַזוי דער רבוש"ע האָט געמאַכט פאַרלירן די מצריים פון דער וועלט. און אינמיטן שרייט מען אויס: **מי כמוכה באלים ה'! מי כמוכה נאדר בקודש!** ס'איז נישט וויכטיג יעצט דער פּרט אַז מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן. דער עיקר איז אַז דער כבוד ה' איז נתגלה געוואָרן!

דער פסוק זאָגט: **נשפת ברוחך כסמו ים, צללו כעופרת במים אדירים**, אָבער מ'פירט נישט אויס אַז אידן זענען געראַטעוועט געוואָרן, נאר מ'זאָגט בלויז: **מי כמוך באלים ה', נורא תהלות עושה פלא.** און וואָס איז געשען ווייטער?! **דאָס איז געשען! דאָס איז די תכלית פון דעם גאַנצן סיפור הנס!** אויב דו דערציילסט אַ מעשה און ביסט אָנגעקומען צום פּינטל פון דער מעשה, און איינער זאָגט אַז ער וויל הערן וואָס איז געשען ווייטער, **איז דאָס אַ סימן אַז ער האָט נישט געכאַפּט די מעשה.** מ'דאַרף אָנהויבן פון אָנהויב...

ג

# אז ישיר משה ובני ישראל; די באַדייט פון שירת הים איז אַקטועל פאר יעדן איד טאָג טעגליך

## לעתיד וועט מען זינגען די זעלבע שירה מיט אַ נייעם משמעות

עס שטייט אין **זוהר הק'** אַז די זעלבע שירת הים גייט מען אויך זאָגן לעתיד לבא. **רש"י** ברענגט דאָס שוין פון חז"ל אַז דאָס לשון 'אז ישיר' גייט אַרויף אויף לעתיד, **מכאן רמז לתחיית המתים מן התורה.** אָבער דער זוהר הק' איז דאָס נאָכמער מסביר באריכות וויאַזוי אַלע פּסוקים רעדן וועגן לעתיד לבא. **'סוס'** איז דער יצר הרע. **'ורוכבו'** זענען די אומות העולם וואָס האָבן געפייניגט אידן. די אַלע וועט זיין **'רמה בים'**. און אַזוי ווייטער: **'מרכבות פרעה וחילו'** מיינט נישט דווקא פרעה, נאר מ'גייט איבערזאָגן די זעלבע שירה לעתיד לבא, **אז 'ישיר' משה - לשון עתיד**, און דעמאָלט ווען מען אינזין

האָבן צו לויבן אויף דעם וואָס השי"ת האָט עוקר געווען אַלע גשמיות'דיגע כוחות און די מלכות רומי.

דער **זוהר הק'** זאָגט ווייטער אַז **'וברוב גאונך תהרוס קמיך'** גייט אַרויף אויף גוג ומגוג. **'תשלח חרונך יאכלמו כקש'**, מיינט אַז אידן וועלן אויפשטיין תחיית המתים און די רשעים וועלן זיין לחרפה ולדראון עולם. אַזוי טייטשט דער זוהר הק' אויס אַלע פסוקים אַז ס'רעדט זיך פון ביטול כוחות הטומאה, ביז די שירה פירט אויס: **'מקדש ה' כוננו ידיך'** - ס'וועט זיין אַ גילוי אלוקות דורך דעם בית המקדש. ה' ימלוך לעולם ועד! לעתיד וועט אַראָפּקומען אַזאַ גילוי אלוקות אפילו מיט אן אופן פון תרגום, אפילו אין דעם עולם הגשמי, ווי מ'זאָגט: **ה' מלכותיה קאים לעלם ולעלמי עלמיא.** און דעמאָלט וועט זיין: **כי לה' המלוכה, והיה ה' למלך על כל הארץ, ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד!**

אַזוי זעט מען אויך אין די פסוקים פון: **ויושע ה' ביום ההוא את ישראל מיד מצרים**, וואָס האָבן דעמאָלט אידן געזען?! **וירא ישראל את היד הגדולה**, און ממילא איז געווען **וייראו העם את ה' ויאמינו בה' ובמשה עבדו!** זיי האָבן באַקומען נאָך השגות אין אמונה, זיי האָבן דערהערט נאָך גילוי אלוקות!

## אין דער שירה רעדט מען נאר פון דער עיקר שמחה

דאָס איז די גאַנצע מהלך און נקודה פון שירת הים - 'מפלתן של רשעים' אין 'גילוי אלוקות'. סיי בעבר, סיי בהוה, און סיי לעתיד. אין די שירה רעדט מען פון 'אַלע' אומות און **פון 'אַלע' סאָרט ענינים פון רע.** דאָס איז די שירה וואָס אידן האָבן דעמאָלט גוט דערהערט, און דערפאַר האָבן זיי געלייגט די גאַנצע דגוש נאר אויף די צוויי נקודות, **ווייל דאָס איז די גרעסטע שמחה!** דאָס אַז אידן זענען אַריבערגעגאַנגען דעם ים און גערעטעוועט געוואָרן **איז בלויז אַ סימן און אַ משל צו דעם עיקר שמחה פון ביטול הרע.** דערפאַר רעדט מען נישט דערפון.

דאָס הייסט אין אַנדערע ווערטער, ווען די גאַנצע שירה וואָלט געווען מיוסד נאר אויף דעם נס אַז דער ים סוף האָט זיך געשפּאָלטן און אידן זענען ניצול געוואָרן, **וואָלט עס געווען נישט גוט אַרויסגעברענגט דעם נס פון קריעת ים סוף.** אַזויווי איינער זאָגט: איך בין דיר מסביר עפּעס אַן ענין, און כ'זע אַז דו האסט בכלל נישט געכאַפּט די עיקר נקודה...

## דאָס קינד האָט דערהערט די ראָזשינקעס...

דאָס פאָלגנדע הערט זיך ווי אַ ווערטל, אָבער ס'איז אַן אמת'ע מעשה, וואָס כ'האָב געהערט פון דעם מלמד אַליין:

דער איד האָט אַמאָל גערעדט צו זיינע תלמידים אין חדר, אַז צומאָל, ווען דער מלמד איז מסביר די גמרא מיט אַ משל, זענען דאָ קינדער וואָס געדענקן נאר די אינטערעסאַנטע מעשה פון דעם משל, און זיי לייגן נישט צו קאָפּ צו פאַרשטיין דעם נמשל.

האָט דער מלמד געזאָגט אַז דאָס איז פונקט ווי אַ חלה וואו מ'האָט אַריינגעלייגט ראָזשינקעס, כדי צו זיס מאַכן די חלות, און אַ קינד גייט און קלויבט אַרויס אַלע ראָזשינקעס, אָבער די גאַנצע חלה לאָזט ער איבער.

**אותיות מחכימות** — חתם סופר עה"ת פרשת בשלח

וַיּוֹשַׁע ה' בַּיּוֹם הַהוּא וְכוּ' וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ.

יֵשׁ לוֹמַר, אע"ג שֶׁהָיוּ מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים מֵאָז, וּכְדִכְתִיב (שְׁמוֹת ד, לא): 'וַיַּאֲמֵן הָעָם'. אַךְ דַּע, כִּי הקב"ה בִּשְׁעַת הַגָּלוּת הוּא כְּמַסְתִּיר פָּנָיו יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ, וַעֲבָדִים מָשְׁלוּ וְאֵין פּוֹרֵק עַד עִדָּן וְעִידָן, וְאָז (בִּשְׁעַת קְרִיעַת יַם סוּף) פָּקַח עֵין הַשְׁגָּחָתוֹ, וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע אֱלֹקִים.

וְהִנֵּה קֻשְׁיַת הָרַמְבַּ"ם (הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה פ"ו ה"ה) אִם נִגְזַר עַל יִשְׂרָאֵל עִנּוּי וַעֲבוֹדָה רַבָּה, מַאי טַעְמָא נִשְׁפְּטוּ מִצְרַיִם. וְרַמְבַּ"ן תֵּרֵץ (בְּרֵאשִׁית טו יד), כִּי יָדַעְתָּ כִּי הֵזִידוּ עֲלֵיהֶם (נְחֶמְיָה ט י) פֵּרוּשׁ הקב"ה הִשְׁגִּיחַ גַּם בִּשְׁעַת הַגָּלוּת וְהָעִנּוּי, וְיָדַע כִּי הַמִּצְרִיִּים הֵזִידוּ וְעָשׂוּ יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁנִּגְזַר עֲלֵיהֶם וְעַל זֶה נֶעֶנְשׁוּ. נִמְצָא אֲפִילוּ בִּשְׁעַת הֶסְתֵּר פָּנִים וְהַעֲלָמַת עַיִן מֵהָרְשָׁעִים, מִכָּל מָקוֹם הִשְׁגִּיחַ בְּעֵינוֹ אַחַת. 'דּוֹמֶה דוֹדִי לִצְבִי' (שה"ש ב, ט), מַה צְּבִי זֶה עַיִן אַחַת פְּקוּחָה וְעַיִן אַחַת יְשֵׁנָה, כָּךְ הקב"ה בַּגָּלוּת מַשְׁגִּיחַ עַל כָּל פְּסִיעָה וּפְסִיעָה (שה"ש רַבָּה ח טז). 'וְלִי נָקָם וְשִׁלֵּם לְעֵת תָּמוּט רַגְלָם' (דְּבָרִים לב, לה), אֶלָּא שֶׁיֵּשׁ לוֹ יִתְבָּרֵךְ עֲצִירַת כֹּחַ לִשְׁתּוֹק וְלִסְבֹּל עַד בּוֹא יוֹם אֵידָם. וְעַל זֶה אָמְרוּ שִׁירָה 'מִי כָמוֹךָ בָּאֵלִים – בְּאִלְּמִים' (גִּטִּין נו:), שֶׁרוֹאֶה וְיוֹדֵעַ וְשׁוֹתֵק.

וְהִנֵּה 'וַיּוֹשַׁע ה' בַּיּוֹם הַהוּא', וְעַל זֶה לֹא נֶאֱמַר וַיַּאֲמִינוּ בָּה', שֶׁכְּבָר מֵאָז הֶאֱמִינוּ שֶׁיַּגִּיעַ הָעֵת שֶׁיּוֹשִׁיעַ ה' וְאָז יַשְׁגִּיחַ עֲלֵיהֶם בְּעַיִן חֶמְלָה. אַךְ לֹא הֶאֱמִינוּ שֶׁגַּם בְּעֵת הַהֶסְתֵּר הִבִּיט וְיָדַע כִּי הֵזִידוּ עֲלֵיהֶם יוֹתֵר מִן הָרָאוּי וִישַׁלֵּם לָהֶם מִדָּה בְּמִדָּה, כִּי אִלּוּלֵי כֵן לֹא הָיָה רוֹאֶה וְשׁוֹתֵק. אַךְ 'וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל אֶת הַיָּד הַגְּדֹלָה אֲשֶׁר עָשָׂה ה' בְּמִצְרַיִם', וְשִׁלֵּם לָהֶם עַל כִּי הֵזִידוּ עֲלֵיהֶם, אָז 'וַיַּאֲמִינוּ בַּה'' אֱמוּנָה חֲדָשָׁה מַה שֶּׁלֹּא יָדְעוּ מֵאָז וְאָז שׁוֹרְרוּ 'מִי כָמֹכָה בְּאִלְּמִים'.

שפּעטער איז איינער פון די קינדער - וואָס איז שוין היינט צוטאָגס אַליין אַ זיידע - אַהיימגעקומען, און מ'האָט אים געפרעגט וואָס האט מען היינט געלערנט אין חדר, האָט דאָס קינד געזאָגט: **אָה, היינט האָט מען געלערנט וועגן חלות מיט ראָזשינקעס...** ער איז אַליין געווען אַ לעבעדיגער משל צו דעם געדאַנק וואָס זיין מלמד האָט געזאָגט...

דאָס זעלבע וואָלט געווען, אויב אידן וואָלטן גערעדט ביי דער שירה וועגן זייער פּרטיות'דיגער נס, אַז מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן פון די מצריים און אַז מיר זענען געבליבן ביים לעבן, **וואָלטן מיר נישט פאַרשטאַנען די עיקר נקודה.**

## אויך אין גלות איז אַלעמאָל דאָ אַ השגחה

דער הייליגער **חתם סופר** זאָגט אויפ'ן פּסוק: **ויאמינו בה' ובמשה עבדו**, אַז אידן זענען דאָך אַלעמאָל געווען מאמינים בני מאמינים, זיי האָבן שוין געהאַט אמונה נאָך בעפאָר קריעת ים סוף?! אַלע ספרים זאָגן טאַקע, אַז דעמאָלט זענען אידן אָנגעקומען צו אַ העכערע דרגא פון אמונה.

דער חתם סופר איז דאָס מסביר לויט ווי דער **מדרש** (שה"ש רבה, ח, טז), זאָגט אויפ'ן פּסוק 'דומה דודי לצבי', אַז בזמן הגלות איז השי"ת כביכול דומה צו אַ צבי וואָס האָט איין אויג פאַרמאַכט אָבער די אַנדערע אויג איז אַלעמאָל אָפן. **אפילו ווען ס'קוקט אויס אַז ס'איז דאָ אַ הסתר פנים**, כאילו דער אויבערשטער איז זיך מסתיר און כאילו ער איז מעלים עין פון די רשעים, **איז ער אָבער אייביג ווייטער משגיח** מיט איין אויג.

ברענגט דער חתם סופר די קשיא פון די ראשונים, אַז דער רבוש"ע האָט דאָך פאָראויסגעזאָגט ביים ברית בין הבתרים אַז ס'וועט זיין 'ועבדום ועינו אותם', אויב אַזוי, **פאַרוואָס האָבן די מצריים באַקומען אַזאַ עונש פאַר'ן אויספירן די גזירה פון דעם אויבערשטן?!** און דער רמב"ן ענטפערט אַז די עונש איז זיך געקומען ווייל בשעת דעם גלות און בשעת דעם עינוי האָט השי"ת משגיח געווען, און ער האָט געזען אַז **די מצריים האָבן געפּייניגט אידן מער וויפיל ס'איז נגזר געוואָרן.** דערפאַר זענען זיי נענש געוואָרן.

## ביים ים סוף האָבן אידן באַגריפן אַז ס'איז נישטאָ קיין הסתרה

זאָגט דער חתם סופר אַז זייענדיג אין מצרים האָבן אידן געמיינט אַז השי"ת איז זיך אינגאַנצן מסתיר פון זיי, ער קוקט נישט אויף זייער צער. זייער הרגשה איז אַלעמאָל געווען אַז דאָס וואָס די מצריים זענען מוסיף זיי מצער צו זיין מיט אַ קישוי השיעבוד, **דאָס קען נאר פּאַסירן ווייל כביכול דער אויבערשטער זעט נישט.** ואנכי הסתר אסתיר, ס'איז יעצט די הנהגה פון אַ געַנצליכע הסתרה.

אָבער ביי קריעת ים סוף, ווען זיי האָבן געזען אַז דער רבוש"ע איז מעניש די מצריים מיט אַזאַ געוואַלדיגע אופן פון נקמה. ער האָט נישט בלויז מעניש געווען די מצרים און געגאַנגען ווייטער, נאר 'וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים' - דאָס וואַסער האָט זיי צוריק אויסגעשפּיגן כדי אידן זאָלן זיך קענען נוקם זיין אין יעדן מצרי וואָס האָט אים געפּייניגט. **דעמאָלט האָבן אידן הערשט געכאַפּט** אַז דער אויבערשטער צאָלט זיי יעצט צוריק פאַר יעדן פּאַטש וואָס אַ איד האָב אַמאָל באַקומען.

אידן האָבן דעמאָלט דערהערט אַז 'אנכי הסתר אסתיר' **מיינט נישט אַז דער רבוש"ע באַהאַלט זיך און זעט נישט חלילה**, נאר ס'מיינט בלויז אַז דער הסתר איז פון דעם מענטשנ'ס זייט! **דער מענטש איז נישט מכיר וויאַזוי השי"ת איז דאָ מיט אים**, אָבער באמת איז דער אויבערשטער אַלעמאָל דאָ מיט אן 'עינא פקיחא' אַגאַנצן צייט!

דאָס האָט זיי געברענגט אַ נייע מדריגה פון אמונה: ויאמינו בה' ובמשה עבדו. **זיי האָבן באַקומען אן אַנדערע אמונה, ווייל זיי האָבן געזען 'את היד הגדולה אשר עשה במצרים'.** אידן האָבן דערהערט די נקודה, און דערפאַר איז זייער עיקר דגוש נישט געווען אויף דעם חלק פון: "איך בין געראַטעוועט געוואָרן", נאר אַז **מ'האָט באַקומען**

אַ נייע טיפע השגה אין אמונה, ויאמינו בה' ובמשה עבדו!

## שפּירן און מיטלעבן די שירת הים

אַלענפאַלס, דער זוהר הקי' זאָגט אַז מ'האָט מסדר געווען אין דעם סדר התפלה צו זאָגן די שירת הים יעדן טאָג, ווייל **אויב מ'זאָגט עס ריכטיג וועט דאָס ברענגען פאַר'ן מענטש אַ שלימות הנפש**, און ער וועט זוכה זיין דאָס צו זאָגן לעתיד לבא.

אַ איד דארף זיך אָנקוקן יעדן טאָג, כאילו ער שטייט 'על שפת הים' און השי"ת שפּאַלט פאַר אים יעצט דעם ים. אַזוי פאַרציילט מען אויף הרה"ק רבי **שמעלקא ניקלשבורגער** זי"ע אַז ווען ער האָט אַמאָל געזאָגט שירת הים פאַר'ן עמוד, האָבן די מתפללים אויפגעהויבן זייערע קאַפּאָטעס, ווייל זיי זענען אָנגעקומען צו אַזאַ מדריגה אַז זיי האָבן ממש געשפּירט וויאַזוי זיי גייען דורך דאָס וואַסער.

ווען אַ פּשוט'ער מענטש הערט אַזאַ מעשה, איז אים שווער צו פאַרשטיין וויאַזוי ער קען אָנקומען דערצו. **עד כדי כך?! אַזאַ התפשטות הגשמיות?!**

## די שירת הים איז פּונקט אַזוי אַקטועל היינט צוטאָגס

אָבער ווען מ'לערנט אַביסל די פּירוש המלות, ווי דערמאַנט, ברענגט עס אַביסל נאָנטער דעם מושג צו אונזער הבנה. אַ איד הייבט אָן צו פאַרשטיין: די סוגיא פון קריעת ים סוף און די סוגיא פון די שירת הים, **האָט עס דען צוטון נאר מיט'ן ים סוף?!** ס'האָט דען נאר צוטון נאר מיט די מצריים?! **אודאי נישט!** דעמאָלט האָט זיך עס טאַקע אָפּגעשפּילט אויף די סאָרט צורה, אַז ס'איז געווען אַ מצריים מיט אַ ים סוף, אָבער דער זוהר הקי' טייטשט אויס אַלע פּסוקים אויף די מלחמה פון גוג ומגוג און אַנדערע כוחות הטומאה.

אין דער שירת הים ווערן דערמאַנט אַלע אומות: **נבהלו אלופי 'אדום', אילי 'מואב' יאחזמו רעד, נמוגו כל יושבי 'כנען'**. ווער רעדט יעצט וועגן כנען?! וואָס איז דאָס נוגע פאַר אונז?! נאָכמער: מיר געפינען אַז ווען השי"ת האָט געזאָגט פאַר משה רבינו: 'אקיה אשר אקיה' - אַז ער איז געווען מיט זיי אין דעם שעבוד מצרים, און ער וועט זיין מיט זיי אין אַלע אַנדערע שעבוד מלכיות, האָט אים משה געזאָגט: **רבונו של עולם! דיה לצרה בשעתה.**

אויב אַזוי, פאַרוואָס דערמאַנט מען יאָ אין די שירה אַלע אומות העולם? ווייל **די שירה האָט בכלל**

# אויב מ'זאָגט עס ריכטיג וועט דאָס ברענגען פאַר'ן מענטש אַ שלימות הנפש

**נישט צוטון דוקא מיט מצרים**, נאר מ'רעדט פון אַלע כוחות הטומאה!

## די שירה מיינט אויך אונז

די גרעסטע ראי' דערצו איז **אין די גאַנצע שירה ווערט אינגאַנצן נישט דערמאַנט דאָס וואָרט מצרים.** נאר פּרעה ווערט דערמאַנט איין מאָל: מרכבות פּרעה וחילו ירה בים, און מער גאָרנישט. ווייל **ס'איז נישט נוגע די נאָמען פון די אומה**, היות אַז אַלעמאָל האָט די רע אן אַנדערע נאָמען.

דער פּסוק זאָגט: 'אמר אויב'. שעמסט זיך צו זאָגן זיין נאָמען?! האסט פאַרגעסן?! דער תירוץ איז: **איך רעדט עפּעס דוקא וועגן פּרעה?!** די לשונות פון די פּסוקים זענען דירעקט געזאָגט געוואָרן אויף אַ כלליות'דיגן אופן, אַז **ס'זאָל נישט מיינען בלויז יענע מעשה פון קריעת ים סוף**. דעמאָלט זענען אידן טאַקע אָנגעקומען צו דער השגה, דורך די מפּלה פון פּרעה מיט די מצריים, אָבער די שירה וואָס זיי האָבן געזאָגט, איז געווען אויף דעם 'זה קלי ואנוהו' און אויף דעם 'מי כמוכה באלים ה''.

## 'עזרת' טייטשט אָפּ די שירה אויף אונזער שפּראַך

אַז מ'איז זיך מתבונן אין דעם נוסח פון 'עזרת אבותינו' נאָך קרי"ש, **איז דאָס ממש אַ טייטש-גמרא אויף דעם שירת הים.** מ'זאָגט אַזוי: **עזרת אבותינו אתה הוא מעולם, מגן ומושיע להם ולבניהם אחריהם בכל דור ודור.** - מ'רעדט בפירוש פון יעדן דור, אויך פון אונז! **ברום עולם מושבך, משפטיך וצדקתך עד אפסי ארץ.** איך גלייב און איך ווייס אַז השי"ת איז משגיח עד אפסי ארץ. דאָס איז פּונקט אַזוי נוגע היינטיגע צייטן, אפילו ווען מיר האָבן שוין נישט קיין פּרעה און קיין מצרים: דער רבוש"ע פאַרלאָזט אונז קיינמאָל נישט, דער רבוש"ע איז **אדון לעמך, ומלך גבור לריב ריבם, לאבות ובנים** - ער טוט אַלעמאָל די זעלבע זאַך. **אתה הוא ראשון ואתה הוא אחרון, ומבלעדיך אין לנו מלך גואל ומושיע.**

אַזוי פאָרט מען אַריין אין די שירת הים. איז דען נישט אמת וואָס מ'האָט יעצט געזאָגט?! **אמת, ממצרים גאלתנו ה' אלקינו... בכורך ישראל גאלת... על זאת שבחו אהובים... ונתנו ידידים זמירות שירות ותשבחות.** דער רבוש"ע איז **מגביה שפלים**, ער איז **עוזר דלים**, ווי דער **אריז"ל** זאָגט אַז מ'זאָל זיך מצייר זיין ווען מ'זאָגט די ווערטער אַז מ'איז אַן אָרימאַן וואָס שטייט ביים טיר... **ועונה לעמו ישראל בעת שועם אליו.** מ'חזר'ט עס איבער אַז אידן זענען געשטאַנען ביים ים: **בשמחה רבה ואמרו כולם, מי כמוך באלים ה', ה' ימלוך לעולם ועד.** דאָס זענען די צוויי אויבנדערמאַנטע נקודות פון שירה: 'מפלתן של רשעים', און 'גילוי כבוד מלכותו'. און מען ענדיגט צו: **צור ישראל קומה בעזרת ישראל** - אַז אויך יעצט זאָל אונז השי"ת אויסלייזן פון אַלע כוחות הרע, **ופדה כנאומך יהודה וישראל**, ווייל דו האסט דאך אונז צוגעזאָגט, **ברוך אתה ה' גאל ישראל.**

## אַפּעלירן דעם נס פון קריעת ים סוף פאר אונזער טאָג טעגליכן לעבן

דאָס איז ממש פּירוש המילות. און ווען מ'לערנט דאָס גוט אָפּ, פאַרשטייט מען דעם טעם, **פאַרוואָס דער רבוש"ע וויל אַז מיר זאָלן יעדן טאָג זאָגן די שירה מיט כוונה און מיט שמחה.** השי"ת וויל אַז מיר זאָלן עוסק זיין אין דער סוגיא, און **דאָס מוז נישט זיין דוקא מיט אַ ציור פון אַ ים סוף.**

אַ איד דארף זיך פארשטעלן וויאַזוי ער שטייט אַרומגענומען, פון איין זייט מיט כוחות הטומאה, און פון די אַנדערע זייט איז נישטאָ וואו צו גיין, נישט רעכטס און נישט לינקס, אַזויווי אידן ביים ים סוף, און **פלוצים מאַכט דער אויבערשטער אַ שינוי הבריאה**, וואָס דעמאָלט פאַלן אַוועק אַלע שלעכטע כוחות וואָס זענען מסתיר דעם רבוש"ע.

ווען אַ מענטש גייט אַריין אין דער שירת הים מיט אַזאַ בליק, **איז דאָס טאַקע מבטל אַלע כוחות הטומאה** און ס'ברענגט אים אַ געוואַלדיגע שמחה. והיה איז אַ לשון שמחה, והיה ה' למלך על כל הארץ!


## פטרוני הפצה
חג הפסח

**באָרא פּאַרק**
לעילוי נשמת
הרה"ק
ר' **שמואל** זאב
בן ר' **נח** זצוק"ל
אבדק"ק
כוונת הלב

**וויליאמסבורג**
לעילוי נשמת
הרה"ח
ר' **ישעי'**
בן ר' **שלמה** ז"ל

**מאנסי**
לזכות
**יצחק אריה אייזיק**
בן **בילא רייזל**
לזכות
**יענטא חנה**
בת **חי' צביה**

**לעיקוואוד**
לזכות **נחום דוד**
בן **חנה פרידא**
לע"נ ר' **מנחם מנדל**
בן ר' **יעקב צבי** ע"ה (קרעש)
לע"נ הבחור **משה גבריאל**
בן יבל"ח ר' **בנימין** ע"ה

**קרית יואל**
לזכות **שלמה**
בן **רויזא**
לע"נ
הרה"ק מסקולען
ר' **ישראל אברהם**
בן ר' **אליעזר זוסיא** זצוק"ל

**צו נעמען אַ זכות**
**אין די הפצת הגליון**
**אדער פאר סיי וועלכע הערות**
**ביטע רופט:**
718.387.1122
info@machonhavineini.com

## ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

**באָרא פּאַרק**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא
ביהמ"ד וויאל משה סאטמאר
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי
ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

**קרית יואל**
ביהמ"ד אהל פינא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוד

## קול הביניני:
ארה"ב 718.686.8300 | א"י 072.257.7726 | בריטניה 0204.586.2115 | בלגיה 03.300.0223